START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION PROJECT

YIVO
LIBRARY
REEL
Y-2004-1875.6

Latayner, Yosef.
Shlomo Gorgel:
Lebensbild in 4 akten 9
bilder.
Varshava, 1907.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004- 1875.6

Latayner, Yosef, 1853-1935.
Shlomo Gorgel: Lebensbild in 4 akten 9 bilder.
Varshava: [s.n.], 1907.
56 p.; 21 cm. Yudishe theatr-bibliotek ; no. 6.

1. Operas--Librettos. 2. Yiddish drama.--lcsh
I. Poland-Warsaw

ID: NXYH02-B1912 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL: /106136

Reduction ratio X 10.0

שלמה
גארגעל

אפערעטטע אין 4 אקטען 9 בילדער :

ШЛОМА ГОРГЕЛЬ

Оперетта въ 4-хъ дѣйстіяхъ 9-іи картинахъ.

Варшава 1907.

Тип. Н. Старовольскаго Гусья 18.

Perli
215

די פּערזאָנען:

שלמה גאָרנעל:

הדסה:	זיין טאָכטער
גיטעלע:	אריַיכע בעקערין א אלמנה
משולם:	איהר זוהן
שלמה:	א בעקער־יונג
שפרה:	א הויז־מיידעל ביי גיטעלען
עוריאל:	א גנב
חוה:	א אָרעמע אלמנה
חזן:	
פּרעזידענט:	
אדוואָקאט:	
מאטראָנא:	וועכטערין אין געפענגניס
זשאנדארם:	

בעקער־יונגען, בעקער־מיידלעך, געסט, בטלנים.

ערשטער אקט.

(געריכטס־זאאל, פּרעזידענט, אדוואָקאט, ריכטער, פאָלק).

פּרעזידענט: איך ערקלער דאס געריכט פאר ערעפנעט, דער פער־טהיידיגער פון דער פעראורטהיילטע יודין הדסה גאָרנעל, וועל־כע פאר 17 יאָהר אלס קינדער מערדערין צום לעבענס־לאַנגליכען קערקער פעראורטהיילט וואר, האט דאס וואָרט!

אדוואקאט: דער פאָטער פון דער אונגליקליכער פעראורטהיילטע, א אָרעמער נאסכען־מוזיקאנט, איז צו מיר געקומען אונד מיר גערופען צום שטערבע בעט פון עזריאל לאַנדוי. דיזער עזריאל, האט מיר ערצעהלט דאס מיט 17 יאָהר צוריק איז א רייכער יוד צו איהם געקומען און איהם געגעבען 200 גולדען ער זאל אוועק־גנבה'נען דאס קינד ביי די אָרעמע פרוי און זאל עס איהם איבערגעבען. דאס קינד האט מען געגנב'עט ביי דער מוטער בשעת זי איז געווען אין חלשות און א טוידטעס קינד האט מען איהר אונטערגעוואָרפען, דאן האט עס געהייסען, די מוטער האט דאס קינד ערמאָרדעט און מען האט איהר אלס קינדער־מערדערין פעראורטהיילט.

פּרעז': קען דער קראנקע מאן דאָ קומען אום עדות צו זאָגען?

אדוו': דעם אלטען פערברעכער געהט עס בעססער, און ער וועט זיך ניט ענטזאגען פאר דעם געריכט צו ערשיינען.

פּרעז': די זשאנדארען זאָללען עזריאל לאַנדוי אינס געריכט ברענ־גען, צו גלייכער צייט זאל מען די געפאנגענע ברענגען (זשאנדארען אב).

אדוו': הער פּרעזידענט! ווי מען זעהט פון דעם פּראָטאָקאָל, האט דער ריכטער דעם עדות עזריאל לאַנדוי, צו יענער צייט אויך זעהר וועניג גלויבען געשענקט, און ווען די אנגעקלאַגטע זאל דאמאָלס ניט אליין געשטעהען דאס זי איז דעם מאָרד בעגאנגען, וואָלט איך זיכער געקענט בעפרייען מיין קליענטין, יעצט אָבער האָף איך איהר אונשולד אזוי קלאָר ווי דער טאָג צו בעווייזען, און בין זיכער דאס געריכט וועט די אונשולדיגע בעפרייען.

פרעז׳ : דאס געריכט וועט געוויס טהון דאס, וואס דאס רעכט און געזעץ פאָדערט (אויפטריט: דיענער, הדסה, מאטראנא).

מאטראנא : העך פרעזידענט! דא איז די נומער 49 וועלכע איך האב געבראכט נאך אייער פערלאנג.

פרעז׳ : הדסה גארנעל! מיט 17 יאהר צוריק ביסטו וועגען א שווערעם פערברעכען געוועזען איינגעקלאגט און פעראורטהיילט, יעצט געפינט דאס געריכט פאר נויטיג נאך אמאל צו דיינע טרויעריגע פערגאנגענהייט צוריק צוקומען.

אדוו׳ : הדסה! דו פערשטעהסט וואס דער העך פרעזידענט זאגט דיר? (הדסה שאקעלט מיט׳ן קאפ אויף יא).

פרעז : הויב אויף דיינע אויגען און זעה דיין פערטהיידיגער.

אדוו׳ : הדסה! קענסטו זיך דערמאנען אן מיר? (זי שאקעלט מיט׳ן קאפ, ניין) קענסטו זיך דערמאנען ווען איך האב דיר פאר 17 יאהר פערטהיידיגט? (זי ציהט מיט די פלייצעס, ווייסט ניט).

פרעז׳ : פאר וואס רעדסטו ניט?

מאטראנא : ענטשולדיגט, העך פרעזידענט! לויט דאס געזעץ פון געפענגניס דארף קיין געפאנגענער רעדען, יעדע אנטווארט מוס ער געבען נור דורך א צייכען, דער נומער 49 איז זעהר בראוו ער האט זיך קיינמאל ניט פערזינדיגט געגען דעם געפענגניס-געזעץ.

פרעז׳ : יעצט קענסטו רעדען! — זאג! ביסטו אמאל געוועזען פעראורטהיילט?!

הדסה : איך האב שוין לאנג פערגעסען וואס איך בין אמאל געוועזען...

אדוו׳ : הדסה! דו בינסט נאך זעהר יונג געוועזען ווען דו האסט געהייראטעט, און דו האסט דיין מאן זעהר געליעבט?

הדסה : ס׳איז נור א חלום געוועזען, מיר חלומט נאך איצט אז איך ליעב איהם.

אדוו׳ : דו האסט געהאט א קינד פון דיין מאן?

הדסה : אויך דאס איז נאר א חלום געוועזען!

פרעז׳ : און דו האסט דאס קינד ערמארדעט?

הדסה : אויך נור א חלום געוועזען, איך האב די אלע חלומות שוין לאנג פערגעסען, מיינע הערען! לאזט מיך צוריק געהען אין מיין צעלט, נאך וואס מיר דערמאנען אן פוסטע חלומות? לאזט מיך אהיים געהען — גוטע וועכטערין נעהמט מיך א היים!

אדוו׳ : הדסה! ענטפער בעסער אויף דעם וואס מען פרעגט דיך, וועט מען דיר לאזען געהן צו דיר א היים.

הדסה : צו מיר א היים? וואוא האב איך דען א היים? מאן היים איז

שוין לאנג, לאנג טוידט! טוידט פאר מיר, טוידט פאר די וועלט! איך האב קיינעם ניט מעהר אויף דער וועלט, און די וועלט האט גאר ניט אין מיר.

אדוו׳ : האסטו ניט א טאטען וואס איז איבערצייגט אין דיין אונשולד??

הדסה : יא! יא!... ער האלט מיר פאר אונשולדיג, ריין ווי א מלאך, יעדער טאטע איז איבער זיין קינד גענארט.

פרעז׳ : ווי אזוי ווייסט דו אז דיין טאטע האלט דיר פאר אונשולדיג?

הדסה : ער האט מיר די ערשטע פאר יאהר אלע חודש געשריעבען (ציינט פאפיער) דאס איז מיין הייליגטום, מיין נר תמיד, מיין לעבעדיגער קבר, דא זענען אפאר קאמפאזיציעס וואס איך פלעג מיט איהם זינגען, ווען דער טאטע איז נאך חזן געוועזען.

פרעז׳ : פון אנדערע זאכען, צום ביישפיעל וואו דיין מאן איז? אדער וואס ער טוט פאר דיר אום דיר צו בעפרייען, האט ער דיר אויך געשריעבען?

הדסה : וועה איז מיר! וואס פרעגט איהר? ערשטענס ווי טאר מען אזעלכעס שרייבען צו אזא פערברעכערין? צווייטענס ווער מיין מאן איז געוועזען ווייס קיינער ניט, אפילו איך אליין האב איהם נור אליין געקענט, זיין משפחה ניט, און גאט זיי דאנק וואס עס האט זיך אזוי געמאכט, וואס פאר א בושה וואלט איצט מיין מאן און זיין משפחה געהאט איבער מיר.

פרעז׳ : בינסטוווירקליך די מערדערין פון דיין קינד?

הדסה : ווער דען האט מיין קינד געקענט ערמארדען? איך ווייס אזוי פיעל אז איך האב מיר געלייגט אין בעט מיט דעם געדאנק אז איך זאל מיין פיצעלע דערהרג׳ענען, עס זאל ניט דארפען אויף דער וועלט אזוי פיעל ליידען ווי איך, זיין מאמע! און ווען איך האב זיך אויפגעכאפט איז עס געוועזען טוידט! נו, ווער האט דאס געקענט א אנדערער טהון פאר מיר?

אדוו׳ : ביסט דו זיכער אז דאס טוידטע קינד איז דיינס געוועזען?

הדסה : זאל דען א מוטער אויך צווייפלען אין איהר קינד אז עס איז איהרעס? און ווידער מיין קינד וואלט איך געקענט ערקענען צווישען טויזענד, ווייל עס איז געבארען געווארען מיט א פעהלער; ביים רעכטען אויער האט געפעהלט דאס אויער-לעפעלע און איך האב מיך זעהר געזארגט דעריבער, דען פאר א מיידעל איז דאס א גרויסער חסרון, זי וועט נישט קענען טראגען קיין אויררינגלעך.

אדוו׳ : נאכדעם ווי מען האט דאס קינד געפונען טוידט האסטו ניט בעמערקט אויב עס האט נאך געהאט דעם זעלבען פעהלער.

הדסה : וואו האב איך דען צייט געהאט? ווען איך האב מיר אויפ-

געחאפט פון מיין חלש'ן, בין איך געוועזן אין שפיטאל, און פון דארט האט מען מיר אוועקגעפיהרט אין קרימינאל אריין, און מעהר האב איך די ליכטיגע וועלט ניט געזעהען (אויפטריט עזריאל, זשאנדארען).

זשאנדארען: הער פרעזידענט, עזריאל לאנדוי!

פרעז': וועכטערין, פיהרט אב די געפאנגענע אין א זייטען צימער (מעטראנא הדסה אב) עזריאל לאנדוי! קום אהער, וואס פאר א נייע עדות ביסטו בעריימט אבצוגעבען אין דער אנגעלעגענהייט פון די פערורטיילטע הדסה נארגעל?

עזריאל: הער פרעזידענט! איך פראטעסטיר געגען דער אונגערעכטיגקייט, א קראנקען מאן פון בעט צו רייסען און פאר'ן געריכט אלס עדות צו שלעפען. עס איז א אינטריגע פונ'ם ארוואקאט, איך פראטעסטיר!

אדוו': הער פרעזידענט! איך פראטעסטירע דעם מאן זאל ערלויבט זיין אזוי דא צו רעדען, מען דארף איהם געבען צו פערשטעהען אז ניט אלס עדות איז ער דא גערופען נור אלס אנגעקלאגטער און ער זאל זיך פערטיידיגען פאר פאלש שווערען, געגרינדעט אויף זיינע איגענע שריפטליכע בעווייזע, בעשטעטיגט דורך א נאטאר, היער איז עס! (צייגט שריפט).

עזריאל: עס איז אליגען! איך האב דאס פאפיער ניט אונטערגעשריבען! און ווען יא?! בין איך געוועזן אין אזא צושטאנד אז איך האב ניט געוואוסט וואס איך שרייב.

אדוו': איהם זייט געוועזן ביים פולען פערשטאנד, איך קען עס בעווייזען! הער פרעזידענט, איך בעט פארורופען דעם עדות שלמה נארגעל.

פרעז': (רופט) שלמה נארגעל זאל ערשיינען! (צו עזריאל) זעצט אייך! (נארגעל ערשיינט) ווי הייסט איהר?

נארגעל: שלמה נארגעל, הויפמוזיקאנט!

פרעז': וואס זייט איהר האפמוזיקאנט?!...

נארגעל: מען רופט מיר הויפמוזיקאנט, ווייל איך שפיעל אויף די הויפען פון גוטע מענשען!...

פרעז': נון הער הויפמוזיקאנט, ערצעהלט אונס דאס וואס איהר ווייסט פון די געשיכטע.

נארגעל: איהר מוז מיר מוחל זיין, דאס איז צופיעל כבוד פאר מיר! און דען בין איך זעהר א קליינער בעל לשון, פויליש האב איך ניט געלערנט און דייטש קען איך ניט, אויף פראסט מאמע לשון אויב איהר ווילט, קען איך אייך אלסדינג ערצעהלען.

פרעז': איהר קענט רעדען ווי אייער צונג איז געוואכסען און וואס מיר

ווילען ניט פערשטעהען וועט אונס דער ארוואקאט ערקלערען, אלזא ערצעהלט אלסדינג וואס איהר ווייסט.

נארגעל: איך וויל די פריצים אלס ערצעהלען, פון אלף ביז תיו. בראשית זאלען די פריצים וויסען אז נארגעל איז ניט קיין געבוירענער כלי זמר, איך בין געוועזען אלע מיינע יאהרען חזן אין נייעם בית המדרש, נארגעלס "ומפני חטאינו" און נארגעלס "אתה זכר מעשה עולם" האט געמאכט א רעש אויף ארבע פנות עולם, מיין קול איז געוועזן — א קול שופר, מיין שטיינער האט איבערגעשטייגט אלע שטיינערס, און דערצו בין איך נאך געוועזן מיט א סך מעלות, — איך האב גוט געשפיעלט אויף א פלייט, בין געוועזן א טייערער שפיעלער אויפ'ן פידעל און אין בדחנות בין איך אויך ניט געוועזן אוועק צוזאמען מיט דער האנד, מיינע גראמען האט מען ארומגעטראגען ביי אלע גוטע אידען אויף די טישען.

אדוו': גענוג! מיר האבען געוואלט וויסען וואס מיט אייער טאכטער איז געשעהן.

נארגעל: טאקי דערביי האלט איך איצט!... זי איז געוועזן א קינד א פיינס, א שיינ'ס, א ריינ'ס, א קינד מיט אלע מעלות א קול'כיל האט זי געהאט א בעסער'ס פונ'ם טאטען, אזוי ווי זי הערט ניט אזוי זאל איהר ניט שאטען, ווען איך פלעג איהר איבערזינגען מיינע זאכען, איז די גאנצע שטארט געלעגען ביי מיינע פענסטער...

אדוו': ניט דאס ווילען מיר וויסען, ערצעהל וואס מיט דיין טאכטער איז געשעהן!

נארגעל: טאקי דערביי האלט איך איצט!.. מיט א יאהר 18 צוריק, אויב איהר געדענקט, איז געוועזן די גזרה חתונות, אז א מאמע האט געשיקט איהר טאכטער מיט א פענדיל נאך מילך קויפען, איז זי א היים געקומען א פערשלייערטע, אלע מלמדים זענען געווארען מסדרי קידושין'ס און אלע שמשים זענען געווארען גט שרייבער'ס, וואו מען האט נאר געטראפען א בתולה מיט א בחור, איז דאס ערשטע געוועזן שטעלען א חופה. ווי דער שטייגער איז, די גזרה איז בטל געווארען, און קבצנים האבען אנגעהייבען צו וואכסען, ג'טין זענען געשריבען געווארען אויפ'ן טוץ...

אדוו': אבער גענוג! מיר ווילען הערען וואס מיט אייער טאכטער איז געשעהן!

נארגעל: טאקי דערביי האלט איך איצט!.. פלוצים האט מיין הדסה אנגעהייבען פיינט צו האבען פלייש, טאג און נאכט האט זיך איהר געגלוסט לא עליכם צו קרעכצען, דאס איז מיר גלייך שטארק אין די נאז אריין. איין מאל קום איך א היים, טרעף איך מיין הדסה פערוויינט, פרעג איך איהר — וואס מיין קינד? וואס פאר

אַ תְּשׁוּבָה כְּאָב איז היינט ביי דיר ?.. מיט אַמאָל לאָזט זי אַרויס אַ געוויין גאַר ניט מיט איהר קול און זאָגט, טאַטעַ זיי מיר געזונד, איך מוז אַוועק פֿון דער היים, איך קען מיר מעהר נישט בעהאַלטען... — וואָס איז דאָס אַזוינ׳ס טאָכטער? זאָג דעם טאַטען אפשר האָב איך אַ סגולה דערצו? לאָזט זי אַרויס נאָך אַ גרעסערען געוויין און זאָגט בזה הלשון — זאָלסט וויסען טאַטע אַז שוין זייט 2 יאָהר האָט אַ יונגערמאַן זיך אין מיר פֿערליעבט און איך אין איהם נאָך מעהר, ווען די גְזֵרָה חֲתוּנוֹת איז געווען, האָבען מיר די געלעגענהייט בענוצט און שטילערהייט חֲתוּנָה געהאַט און פֿון איהם טראָג איך איצט דאָס קינד אונטער מיין הארצען! — מַזָל טוֹב מיין קינד! — האָב איך אַגעשריי געטהון! פֿאַר וואָס דעריבער וויינען? — נעמט זי אַרויס אַבריעף מיט אַ גֶט און זאָגט מיר: — היינט האָט אַ שָׁלִיחַ מְיוּחָד מיר געבראַכט דעם בריעף מיט׳ן גֶט. ער שרייבט מיר זיין פֿאָטער האָט זיך דערוואוסט פֿון זיין חֲתוּנָה האָבען, האָט ער איהם געהרג׳ט, געשלאָגען און האָט איהם געצוואונגען מיר דעם גֶט צו שיקען, און זי האָט זיך אַזוי צווויינט, אַז עס האָט מיך אַוש מיין הערץ פֿערקלעמט און איך האָב מיט איהר מיט געוויינט, אַזוי זענען אַ וועך אַ פּאָר טאָג, זי האָט געקלאָגט, איך האָב געוויינט, ביידע האָבען מיר געיאָמערט, ביז מיין טאָכטער איז מיט אַמאָל נֶעלם געוואָרען! מיט אַ צייט שפּעטער בין איך געוואָהר געוואָרען אַז מיין טאָכטער זיצט אין קרימענאַל (וויינט) פֿער׳משפּט פֿאַר קינדער־מערדעריי.

אדור׳: צו וואָס נוצט אייך דאָס וויינען?! ערצעהלט אין קורצען דאָס ענדע.

גאַרגעל: טאַקע דעריבער האַלט איך איצט!.. בקיצור, מיך האָט מען אָבגעזאָגט פֿון חֲזָנוּת, און איך בין געוואָרען פֿאַר צָרוֹת אַ שִׁיכּוֹר ווי איהר זעהט מיך היינט שטעהען, און מיט מיין פֿיעדעלע גע׳ה איך אַרום אין די שיינקען אין בירהאַלעס, אין קרעצמעס, און פֿערדין מיר מיין ברויט און מיין טרונק בראַנפֿען! דאָס בעסטע געשעפֿט מאַך איך אין די קרעצמעס, וואו די גוטע ברידער, קאָרטענשפּילער, גנבים און אַנדערע חֶבְרָה לייט קומען זיך צונויף (צייגט אויף עזריאלן) אָט דאָ זיצט איינער פֿון יענע חֶבְרָה, אַלע נאַכט פֿלעגט ער מיר אָנשיכּור׳ן און מיר הייסען איך זאָל איהם שפּיעלען, און ווען ער פֿלעגט שוין זיין גוט שִׁיכּוֹר גלייך מיט מיר פֿלעגט ער זאָגען — גאָרגעל! איידער איך וועל שטאַרבען וועל איך דיר עפּעס ערצעהלען פֿון דיין טאָכטער — אָט דאָ יענע וואָך קום איך אַריין אין קרעצמע, ערצעהלט מיר דער קרעצמער אַז עזריאל גנב איז קראַנק צום שטאַרבען, אַזוי בין איך גלייך

צו איהם געלאָפֿען, איך זאָל איהם טרעפֿען, איידער זיין גנבה׳שע נשמה וועט פֿון איהם אַרויס, איך קום צו צו איהם האַלט ער ביים אויסגעהן, און חאַפּט מיר אַרום מיט גנבה׳שע טרעהרען אין די אויגען און זאָגט מיר בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, — גאָרגעל! זאָלסט וויסען אַז דיין טאָכטער זיצט אין קרימענאַל אומזיסט, איך בין שולדיג — און דאָס איבריגע ר׳ ישעיהו מרדכי, ווייסט איהר דאָך שוין אַליין, ווען איך האָב אייך צו איהם גערופֿען האָט איהר דאָך אַל׳ץ אויפֿגעשריעבען, איך וויל הערען ער זאָל זאָגען אַז עס איז אַליגען.

עזריאל: יאָ, עס איז אַלעס ליגען, דו שִׁכּוֹר!

גאַרגעל: דו זאָגסט ס׳איז ליגען? דו גַנָב!

עזריאל: דו ביסט אַ געמיינער זויפֿקערל!

גאַרגעל: און דו ביסט אַ רויבער, אַ מערדער, אַ גזלן! — רוֹצֵחַ! גַנָב! גיעב מיר אָב מיין קינד, אַז ניט, זעהסטו די נעגעל? איך קראַץ דיר אויס מיט זיי די גנבה׳שע אויגען דיינע (זיי ווילען זיך שלאָגען, זשאַנדאַרען לאָזען ניט).

עזריאל: העֶר פּרעזידענט! איך נעהם אייך פֿאַר אַ עֵדוּת אַז ער האָט מיך גערופֿען גַנָב.

פּרעז׳: גענוג! רוהיג זאָל זיין! — דאָ עזריאל לאַנדוי ליעגט ביי מיר אייער אויסזאַגע בעשטעטיגט דורך אַ נאָטאַריוס און דורך אַ דאָקטאָר אונטערגעשריעבען, אַז איהר זייט געווען ביים פֿולען זינען בְּשַׁעַת איהר האָט דאָס געזאָגט! איך פֿרעג אייך דעריבער נאָכאַמאָל, וואָס האָט איהר געגען דעם דאָקומענט צו זאָגען?

עזריאל: איך בין געוועזען קראַנק, איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז געשעהן.

פּרעז׳: (קלינגט. אלע שטעהען אויף) איך ערקלער אַז דער ערשטער פּראָצעס געגען הדסה גאָרגעל וועגען די ערמאָרדונג פֿון איהר קינד איז געווען אַ טָעוּת...

אלע: בראַוואָ! עס לעבט די גערעכטיגקייט!

פּרעז׳: איך ערקלערע די פֿעראורטיילטע אַרויסצולאָזען פֿריי און מען זאָל איהר איבערגעבען צו איהר פֿאָטער, וועלכער דאַרף זיין עהרענוואָרט געבען אַז ווען עס וועט פֿאָרקומען דער נייער פּראָצעס, זאָל ער איהר צום געריכט צו שטעלען.

אלע: בראַוואָ! בראַוואָ!

פּרעז׳: זשאַנדאַרם! דער פֿאַלשער עֵדוּת עזריאל לאַנדוי ווערט אייך איבערגעגעבען — הדסה גאָרגעל זאָל אַריין קומען!

עזריאל: (בשעת מען פיהרט איהם אב) וואַרט דו שִׁכּוֹר! איך וועל געזונד ווערען, וועל איך דיר שוין ווייזען ווער איך בין (אָב מיט זשאַנדאַרען).

גאַרגעל : ווער הייסט דיר דען געזונד ווערען ?! (אויפטריט הדסה גע־פיהרט פון מאטראנא) .

פרעז׳ : הדסה גאַרגעל! אייער משפט איז קאַססירט און איהר זיים פריי! (פרעזידענט, ריכטער, צושויער אב)

הדסה : פריי ?.. איך פריי ?.. איך בין ניט מעהר קיין טויטער נומר 49 ?.. איך היים צוריק הדסה ?.. ניין, ניין! די פרייע וועלט איז מיר פיעל ערגער ווי מיין לעבעדיגער קבר, ניעמט מיט בעסער צוריק מיין נומער 49, שיקט מיר אין מיין נומער צוריק, מיין טוי־טע הארץ געהערט ניט מעהר אין דאס לעבעדיגע וועלט, שיקט מיך צוריק !.. מאַטראָנאַ! נעמט מיך אַהיים.

אדוו׳ : הדסה! דו זאָלסט צוריק געהן צו דיין טאַטען!

הדסה : צו מיין טאַטען ?.. מיין טאַטע איז שוין ווילער לאנג טוידט.

אדוו׳ : דאָ שטעהט דיין פאָטער! געה מיט איהם אַהיים.

גאַרגעל : (קוקט איהר אָן) ניין! ניין! איך קען שווערען אין אַ קויטעל, אין אַ טלית, בנקיטת חפץ, אַז דאָס איז ניט מיין טאָכטער! מיין הדסה איז געוועזען אַ 16 יאָהריגע מיידעלע, זי האָט געבליהט ווי אַ רויז, געשיינט ווי די זון און דאָס איז אַ אַלטע אפשר פון 50 יאָהר, מיין קינד האָט מען דערהרגט און מען וויל מיר אָבגעבען אַ אַלטע נגבה׳טע פאַר מיין גאָלדענעם קינד, ניין! ניין!..

הדסה : (קוקט איהם אָן) : ניין! דאָס איז ניט מיין טאַטע דער שיינער ליבטיגער ר׳ שלמה חזן! דאָס איז ער ניט !.. זיין ליכטיגע צורה איז מיר תמיד פאַר די אויגען געשטאַנען, דאָס פערשיכורטע פנים מיט דעם רויטען נאָז קען מיין טאַטע ניט זיין, מיין טאַטע איז טוידט, דאָס איז ניט מיין טאַטע.

גאַרגעל : (בעטראַכט איהר) יאָ, יאָ! בהן צדקי, דאָס איז זי !.. הדסה! קוק ניט וואָס איך זעה אַזוי אויס, די צרות האָבען מיך פאַר אַ שיכור געמאַכט! אָבער איך שווער דיר דאָ אַז איך וועל מעהר ניט טרינקען, אין היטץ און קעלט, אין שניי און אין רעגען וועל איך אין די גאַסען געהן מיט מיין פידעלע פאַר די גליקליכע מענשען שפּיעלען און דיך מפרנס זיין, קום טהייערע צו דיין טאַטען (וויל צו איהר).

הדסה : ניין! ניין! ווען איהר זייט אפשר יאָ מיין טאַטע, דאַרף איך ניט און טהאָר אויך ניט צו אייך געהען. אייך נאָך מעהר אומגליקליך מאַכען ?! (וויינט) דאָס דאַרף אַ פרעמדער נישט טהון און בפרט אַ אייגען קינד, לאָזט מיך צוריק געהען, לאָזט מיך צוריק בלייבען דאָס טוידטע נומר 49!

אדוו׳ : הדסה! געה מיט דיין פאָטער! דיין שטימע קלינגט נאָך יעצט אַזוי שאָן און זיס, דו וועסט דיין אַלטען פאָטער מיט דיין

געזאַנג אונטערשטיצען אויף דער עלטער און איהר וועט עהרליך פאַרדינען אייער שטיקעל ברויט.

הדסה : (ענטשלאָסען) יאָ, יאָ! איך וועל איהם אין זיין געזאַנג ערקענען, (גאַרגעל זינגט, הדסה שרייט אויס :) טאַטע! גוט! גוט! איך געה מיט דיר טאַטע, דיינע זאַכען וועל איך מיט דיר זינגען, איך געדענק זיי נאָך אַלע אויסוועניג (אומאַרמונג).

(פאָרהאַנג פאַלט).

פערוואַנדלונג

(ציטער אין האָטעל. גיטעלע, משולם).

משולם : (גיט איהר אַ בענקעל) נו מאַמע זעץ דיך אַ נידער, אַ שעהן שטיקעל וועג פון בית עולם ביז צום האָטעל, און דער ווינטער לאָזט זיך גוט הערען.

ניטעלע : יאָ די אָרעמע לייט נעביך קענען פון דעם ווינטער גאָר ניט אויסהאַלטען. עס זאָל ניט אויסגערעדט זיין, איך האָב אויפ׳ן בית עולם געגעבען יעדען בטלן צו 2 גילדען, זיי זענען נעביך נעגאַנגען קרועה ובלואה אין אַזאַ פראָסט אויפ׳ן פעלד.

משולם : די היגע אָרעמע לייט ווייסען שוין אַז דער צווייטער טאָג חנוכה איז ר׳ יעקב סגל׳ס יאָהרצייט און די רייכע בעקערין פון טיסמעניץ קומט צופאָהרען צום יאָהרצייט, און זיי נאַרען זיך ניט... איך בין שוין ביי זיי קיין גאַסט ניט! די סטאַניסלאַווער קבצנים טרעפען מיר יעדען מאָנטאַג אויפ׳ן מאַרק און טרעטין פון מיר ניט אָב ביז איך גיעב זיי ניט זייער שלום עליכם געלד. —— אָבער פאַר וואָס מאַמע זיצסטו ניט? דו ביסט דאָך מיעד און ווילסט באַלד צוריקפאָהרען אַ היים, רוה דיך אָב אַביסעל און דאַן וועסטו פאָהרען.

ניטעלע : גלויב מיר מיין זוהן עס האָט זיך מיר היינט ניט גע־גלוסט פון דיין טאַטענס קבר אַוועקצוגעהן! משולם מיין קינד! איך זאָל ניט מורא האָבען פאַר אַ זינד, וואָלט איך גאָט געבעטען אַז איך זאָל שוין ליגען לעבען דיין טאַטען. די וועלט איז מקנא גיטעלע סגל מיט איהרע עשירות, אָבער וואָס אין הארצען טהוט זיך ווייס טאַקי נור גאָט אַליין!

משולם : איך ווייס ניט מאַמע, אויף וואָס דו האָסט זיך צו בע־קלאָגען, חוץ דיין שאָדען אויף אַלע אונזערע פריינד געזאָגט, 17 יאָהר ווערט היינט זייט דער טאַטע זכרונו לברכה איז גע־שטאָרבען און אַ ודאי איז ניט גוט אַ אַלמנה צו זיין, אָבער דער מענש איז דאַצו בעשאַפען! דערווייל טרעט איך פון דיר ניט אָב, איך פיהר דאָס געשעפט מיט עהרליכקייט און געלויבט איז השי״ת,

מיט מזל, אונזער פארמעגען פערמעהרט זיך פון יאהר צו יאהר, גאט און לייט זענען אונז מקנא, קיין ארעמאן געהט ניט ארוים הונגעריג פון אונזער הויז, און דאס יתומה'לע וואס דער טאטע האט אונז צוגעשיקט איידער ער איז געשטארבען, מיר זאלען איהר מגדל זיין ווי איין אייגען קינד, האבען מיר געלויבט השי"ת אויפ־געצויגען, זי איז שוין קיין עין הרע א וואוילע מויד פון 17 יאהר, און מיר וועלען איהר איה"ש חתונה מאכען גלייך ווי אונזער אייגען קינד! נו מאמוניו וואס האסטו זיך נאך אויף גאט צו בעקלאגען ?!

גיטעלע: אויף גאט האב איך מיר ניט וואס צו בעקלאגען, אבער אויף דיר מיין קינד, זעהר פיהל! איך מוז דיר זאגען אז מיט דיינע עקשנות ניט חתונה צו האבען ביסט דו מיר מקצר מיינע יאהרען. אדרבה, זאג דו אליין, וואס וועט זיין דער סוף, אויביג א בחור בלייבען ?

משולם: וואס זאל איך טהון אז מיין זווג איז נאך פארט ניט געקומען ? איידער חתונה האבען ניט מיט דער, וואס דאס הארץ גלוסט און נאכדעם זיך און איהר די יאהרען צו פערביטערן, בעסער אויביג בלייבען א בחור.

גיטעלע: האסט רעכט מיין קינד! אבער אויף אונזערע יתומה'לע האסטו אויך עפיס חסרונות אויסצוזעצען? זי איז דאך שאהן ווי די וועלט, קלוג ווי שלמה המלך, א פרום קינד, א גוט קינד, האסטו מיר ניט פיעל מאל געזאגט אז זי איז דיר איינגע־באקען אין הערצען ווי איין אייגען קינד?! האט דער טאטע זכרונו לברכה אין זיין צוואה ניט איבערגעלאזען 6000 גילדען פאר איהרעט וועגען? און אז דער טאטע האט זי אונז צוגעשיקט אז מיר זאלען איהר מגדל זיין מן הסתם האט ער געוואוסט ווער זי איז און פון וואנען זי שטאמט ארויס, אנדאי פון אונזער איי־גענע משפחה, ער האט אונז געשריבען אין בריעף אז ער וועט איה"ש אהיים קומען וועט ער אונז זאגען ווער זי איז, אז גאט האט אבער אנדערש געוואלט און ער איז דערוויל געשטארבען און האט ניט דערלעבט א היים צו קומען? מסתמא איז געווען אזוי גאט'ס רצון! — היינט פרעג איך דיך, פאר וואס ווען איך רייד מיט דיר פון איהר ציהסטו אוועק מיט די אקסלען און עס וועט ווייטער דערפון גארנישט ?!

משולם: הער אויס מאמע, וואס איך וועל דיר זאגען! ערשטענס פאס איך ניבער צו זיין שפרה'לעס טאטע, איידער איהר מאן. צווייטענס! דארף מען דאך קודם זי אליין אויך פרעגען צו זי וויל מיך פאר א מאן ?! נור דאס בין איך דיר מודה, איך האב איהר זעהר ליעב, זי איז מיר טאקע איינגעבאקען אין הארצען, ווען איך זעה איהר פנים מיט איהרע אויגען צינדט זיך אן א פייער

אין מיין ברוסט און דאך ווען עס קומט די שאלה — צו זאל איך מיט איהר חתונה האבען, בלייב איך קאלט ווי אייז! פאהר א היים מאמע: איך מוז נאך דא בלייבען וועגען מסחר, רייד מיט איהר איבער, און ווען זי וועט זאגען יא, אפשר וועל איך מיך בעשליסען מיט איהר תנאים צו שרייבען.

גיטעלע: הונדערט יאהר זאלסטו לעבען דערפאר מיין קינד! דאס איז דבורים! איך פאהר שוין א היים און אזוי ווי דו ווייסט אז יעדעס יאהר ווען איך קום צוריק פון קבר אבות מאך איך א סעודה און חנוכה איז אויך דא צו. אזוי וויל איך עס זאלען די תנאים אויך זיין! אז דו וועסט עס ניט טהון די מאמען צוליעב, טהו עס דעם טאטען צוליעב, ער זאל האבען מנוחה אין קבר.

משולם: פאהר א היים! און ווי גאט וועט וועלען אזוי וועט געשעהן.

גיטעלע: נא אז עס איז יא אזוי וויל איך דיך בעטען דו זאלסט קויפען פאר 500 גילדען א פאר שאהנע דיעמאנטענע אויערינגלעך איך זאל זי איבערראשען מיט א שיינע כלה־מתנה!

משולם: וואס טויג איהר אויערינגלעך, אז זי קען זיי ניט טראגען האסטו דען פערגעסען אז עס פעהלט איהר דאס לעפיל פון רעכטען אויער!

גיטעלע: האסט רעכט חלעבען! איך האב עס גאר פערגעסען, נו קויף איהר א בראש מיט א גוטע שפילקע.

משולם: יא, אבי זיי אויף מיר ניט ברוגז.

גיטעלע: זיי געזונד! איך פאהר שוין א היים.

משולם: פאהר געזונדערהייט! (צוקוסען זיך. בעגלייטעט גיטעלען, קעהרט צוריק). יעדעס יאהר פאהר איך אויף מיין טאטענס קבר צו יאהר־צייט, אבער דער קבר איז ניט אויף דעם בית עולם! דער קבר איז אין מיין הארצען, — מיט א גט אין זיין האנד איז ער מיט 17 יאהר צוריק אהער אריין געפאהרען, די ארעמע הדסה איז איהם ניט אנגעשטאנען פאר א שנור צו האבען, און האט מעהר ניט זוכה געווען לעבעדיג צוריק א היים צו קומען און מיט איהם איז אויך דער אמת פערשוואונדען געווארען! דער אמת ליעגט תמיד בעגראבען אין דער ערד, און דער שווינדעל פאסירט ארום און בעזיעגט די גאנצע וועלט. (זינגט):

I

עס איז פון שטענדיג אן א שטיינער
ווי עס קומט אן די שטיללע נאכט,
ליעג איך טיר אויף מיין געלעגער
און קען ניט שלאפען — נור איך טראכט —
פאר וואס די וועלט איז אזוי פערדארבען

קעהר זיך אום צו דיין שלמה'לע! וְנָחֲוֶה בָּךְ! און לאמיך דיך אנקוקען.

שפרה: (ערשיינט) אט קוק איך דיך אן פון קאפ ביז די פיס און זעה אז דו ביסט משוגע! מטורף! חסר דעה און פראסט פערריקט.

שלמה: ניין שפרה'לע! זעט איך ליינען שלמה המלך'ס שיר השירים אויף דייטש, איז מיין נשמה נאר ביי שלמה'ן, ווען איך קנעט די בייגעל, ווען איך באק די פלעצליך, זעה איך פאר מיר נור דיך שולמית, ווי דער שיר השירים מאלט אוים וואלט איך אויך געקענט ליעב האבען.

שפרה: וואו האסטו אבער היינט א זעלכע שולמית'ן?—דאס וועל איך טאקי דערצעהלען דער מוהמע אז דו לייענסט איהרע ספרים'לעך ווען זי געהט אוועק און דו הויבסט אן משוגע צו ווערען, רעדסט דיר איין אז דו ביסט שלמה המלך, און מיך ווילסטו מאכען פאר דיין שולמית'ל! שלמה! איך זאג עס דיר 100 מאל דיין לעזען די ביכלעך וועלען דיך נאך ברענגען אין משוגעים הויז אריין.

שלמה: ווען דו זאלסט שכל האבען וואלסטו דער מוהמען אזוי געזאגט:—מוהמע! איהר רעד מיך צו תמיד איך זאל ליעב האבען אייער זוהן דעם רייכען משולם! אזוי האבען די ברידער אויך צוגערעדט זייער שוועסטער שולמית, זי זאל ליעב האבען דעם רייכען שלמה המלך שולמית'ל האט אבער זיי ניט געפאלגט און האט ליעב געהאט זייער פאסטיך שלום. אויך איך האב ליעב מיין בעקער יונג שלמה'לע! ער איז א מענש פון ברויט דורך געקנעטען מיט בשמים ער שמעקט מיר, אונזער ליעבע איז שוין אלט געבאקען, לאזט זי ניט פערשימעלט ווערען.

שפרה: העד אוים מיין געליעבטער בעקער יונג! אז דו קענסט א בייגעל פערדרעהען און א קוילעטש אויספלעכטען, דאס איז אמת, אבער מיין מוהמען וועסטו דעם קאפ פערדרעהען ניט קענען, מיט פרישע זעמעלעך קען מען איהר ניט דאס מויל פערמאכען, און אויב עס גלוסט זיך דיר צרות, דארפסטו ניט מעהר נור איך זאל איהר פון אונזער אלט-געבאקענער ליעבע ערצעהלען!.. דו קומסט מיר פאר ווי די וועלט זאגט א ווערטעל — אז עס געהט איינעם גוט גאר אין גאנצען, גלוסט זיך איהם צו געהן אויפ'ן אייז טאנצען.

שלמה: (זינגט) מענשען א סך, וואס איך קען זיי גוט
זענען שטיין רייך, דאך רוהען זיי ניט
די גאנצע וואך, קלעהרט מען נאר א פלאן
ווי אזוי קריגט מען נאך, אום רייכער צו זיין.

שפרה: נו וואס איז דער סוף, מיט אזוינע לייט
זיי שטייגען ארויף, ביז א געוויסער צייט

יעדער ווערט פון גאלד פערפיהרט
דער ריינער אמת איז געשטארבען,
און די פאלשקייט עקסעסטירט —
דאך זעהט מען די פאלשקייט אימער זיעגען.
דעם אמת טיעף אין דר'ערד ליעגען
וואס זשע וועט זיין דער סוף?
אמת! ווען קומסט דו ארויף?!

II

וועט די וועלט ווען בעססער ווערען
וועט דער אמת זיעגען ווען
אדער וועל איך מוזען הערען,
אז נאך ערגער ווערען קען,
אבער איך וויל דאס ניט גלויבען
זא וואס זאל נאך ווען געשעהען
דען ווען פאלשקייט איז פון אויבען
מוז די וועלט שוין אונטערגעהען.
דאך זעהט מען די פאלשקייט אימער זיעגען א. ז. וו. (אפג.

פערוואנדלונג

(א בעקעריי מיט געבעקס, די פענסטער פון דרויסען פערשנייט, שלמה זיצט ביים טיש לעזט א בוך, שפרה רוימט דעם צווייטען טיש).

שלמה: שיין, פיין, טהייער, קלוג, פול חכמה; א קלוגער שלמה המלך!

שפרה: (רוימענדיג דעם טיש) עס איז שוין באלד 2 דער זייגער, מיר דאכט זיך אז אין אזא פראסט מיט אזא זאווערוכע וועט היינט שוין קיינער ניט קומען קויפען, א יא, שלמה'לע? (ער שווייגט) טהייערער שלמה'לע!.. גאלדענער שלמה'לע!.. משוגענער שלמה'לע!.. הע!.. פאניע סאלאמאנטשיק!.. איהר זענט טויב געווארען?!.. הע!.. גרויסער שלמה המלך!

שלמה: א! ווער רופט דעם גרויסען שלמה המלך מיט א זים קול?.. מסתמא זיין שולמית'ל!..

שפרה: (אפארט) אצונד וועט ער כיענען רעדען, איך הער ניט (אב אן אזיים).

שלמה: אך, מיין שולמית'ל! דרעה דיך אום און לאז מיך דיך זעהען! דיינע באקעלעך זענען שעהן ווי די צוויי בערג: דער הר גריזים און דער הר עבל!.. דיינע אויגעלעך — ווי די טאבעלעך וואס פליהען איבער די דעכער און קוקען אריין אין די שטיבער! איך בעשווער דיך שולמית'ל! טהייערע! דען אין מיין הערץ ברענט ווי אין איין בעקער אויווען ערב שבת! מיינע אויגען זענען געפלאכטען צו דיר ווי א פורים קוילעטש! שולמית'ל!

ראַן געֶבען זיי אַ פאַל, פון אויבען אַראָב
און דאָס איז אַ כלל, אַז מען צוברעכט דעם קאָפּ (בּיס).

ביידע: אַזוי איז די וועלט, איין מאָל פּעסט געשטעלט
גערט עס אייגעם גוט אין גאַנצען
זוכט ער נור נייעס און וויל אויפ'ן איין
פלוציִם זיך שטעלען טאַנצען. } (בּיס)

שלמה: אַ ווייבעלע קלאָגט, זיך פאַר'ן מאַן
זי טַעֲנה'ט און זאָגט, דו בּיסט אַ טיראַן
ווען דו געהסט אַוועק, און איך בלייב אַליין
בּעפאַלט מיך אַ שרעק, איך וויל עס מעהר ניט זעהן.

שפרה: און דער מאַן נעהמט אַריין, צו זיך אויף קוואַטיר
אַ שעהנעם יונגען מאַן, אַ גאַנצען קאַוואַליער
און יעצט אָה ווערה! איז איין אומגליק דאָרט געשעהען
אַנטלאָפען זענען זיי, און דעם מאַן געלאָזט אַליין.

ביידע: אַזוי איז די וועלט, איין מאָל פּעסט געשטעלט. (א. ז. וו., טאַנצען. אויפטריט גיטעלע פערשנייט, איינגעהילט).

גיטעלע: איהר מעגט טאַנצען קינדער, ווער עס געהט ניט היינט אין דער גאַס ווייסט גאָר ניט גאָט צו לויבען! איך בּין דאָך שוין ניט קיין נעכטיגע, נאָר אַזאַ פראָסט מיט אַזאַ זאַווערוכע געדענק איך ניט.

שלמה: (טרייסעלט פון איהר דיים שנעה) בּעל־הבּית'טע! חלעבען מיר האָבען זיך דאָ אַזוי געשראָקען וואָס איהר זייט אין אַזאַ פראָסט נאָך אויפ'ן וועג, מען זאָגט אַז פויגלען פאַלען פון די בּיימער פאַר קעלט, חלעבען קיין עין הרע זאָל אייך נישט שאַטען, טאַקע נאָר אַ מיידעלע פון 18 יאָהר פּאַסט אַזוי לוסטיג צו זיין.

שפרה: (טהוט איהר אויס די קאַלאָשען) עס וואָלט גאָר נישט געווען געשאַדט טהייערע מומע, איהר זאָלט געווען בלייבען אין סטאַניסלאַוו נעכטיגען, ניט אין אַזאַ פראָסט אַ היים צו פאָהרען, איהר זענט נעבּיך אַזוי דערפרוירען.

גיטעלע: האָט קיין מורא ניט קינדער! גיטעלע האָט אין איהר לעבען שוין אַ סך זאַווערוכעס איבּערגעלעבט, וואָס זאָלען נעבּיך טהון די אָרעמע לייט וואָס מוזען געהען אין אַזאַ טאָג זייער בּרויט פערדיענען? און געהען ניט אַזוי אָנגעטהאָן ווי איך?

שפרה: דערפאַר הייסט עס אַז גאָט שיקט די קעלט נאָך די קליידער נאָך.

שלמה: יאָ! אַזוי האָט שלמה המלך געזאָגט — מַשְׁלִיךְ קַרְחוֹ כְפִתִּים — גאָט שיקט דעם שניי אויף די אָרעמע לייט'ס קעפּ. (מען הערט שפּילען און זינגען אין דרויסען).

גיטעלע: הערט עפּיס בּעסער, קינדער! אין אַזאַ וועטער גלוסט זיך עמיצען צו שפּיעלען און צו זינגען.

שלמה: סִן הַסְתָּם געהט זיי צו גוט, געהען זיי אויפ'ן איין טאַנצען.

שפרה: אַ וַדַאי, יאָ!.. עס קעהר זיין נעבּיך אָרעמע לייט וואָס זענען נעבּיך הונגריג.

גיטעלע: שפרה'לע! טראָג זיי עפּיס אַרויס, איך קען אַזאַ עלענד ניט צו זעהען. (מען הערט הדסה זינגען) ווי זיעס דאָס געזאַנג איז, עס צערבּרעכט דאָס הערץ (הדסה ערשיינט) אַך! אַ יונג פּנים מיט גרויע האָר! נאָך יונג און שוין פערלאָרען, דאָס הערץ קען איינעם צו געהן... אין אַזאַ וועטער?!.. נאַ אונגליקליכע (וויל איהר געבּען געלד).

הדסה: ניין, ליעבּע פרוי! ניט קיין געלד, בּרויט!.. בּרויט וויל איך פאַר מיין הונגריגען טאַטען!

גיטעלע: נעבּיך! בּרויט וויל זי גאָר! (דערלאַנגט איהר בּרויט) נאַ, דאָ האָסטו בּרויט! נעהם דיר וויפיעל דו ווילסט!

שפרה: אוי, אַזאַ רַחֲמָנוּת! די פרוי צערבּרעכט מיר מיין הערץ — נעהמט וויפיעל איהר ווילט!

שלמה: ווען זי זאָל האָבּען שלמה הַמֶלֶך'ס חָכְמָה, וואָלט זי גענומען אויף 2 וואָכען גענוג.

הדסה: (וויל נעהמען בּרויט, עס פאַלט איהר פון די הענד) אָה! זייט מיר מוחל, מיינע הענד זענען מיר פערפרוירען, איך קען דאָס בּרויט ניט האַלטען.

שפרה: לאָזט איך וועל אייך העלפען! מוהמע! זעהט ווי די פינגער זענען איהר נעבּיך פערשטאַרט ווי שטיקער האָלץ.

גיטעלע: וואָס איז דאָס פאַר אַ חִדוּש?! אין אַזאַ וועטער אויף דער גאַס זינגען?! קום אַהער, זעץ דיך דאָ נעבען אויוועען און וואַרעם דיך אַביסעל אָן, נאָכדעם וועסטו דיך דאָס בּרויט אַ היים נעהמען.

הדסה: איך דאַנק אייך גוטע מענשען, האָט מיר ניט קיין פאַראיבּעל, איך קען דאָ לאַנג ניט בּלייבּען, אין דרויסען שטעהט מיין אַלטער טאַטע, ער איז קראַנק און הונגעריג, מיר האָבּען שוין זייט 3 טעג קיין לעפעל וואַרעם וואַסער ניט גענאָסען! ווען ער פריערט אין דרויסען, ווי קען איך דאָ אין דער וואַרם בּלייבּען?!

שפרה: איהר האָט נעבּיך אין 3 טעג גאָר נישט פערדיענט? עס האָט זיך גאָר ניט געפונען אַ מענש מיט אַ הערץ ער זאָל אייך מְחַיֶה זיין מיט אַ בּיסעל וואַרעמס?..

שלמה: וואָס מיינסטו עס? אַזוי וואַלגערען זיך עס אַרום מענשען מיט הערצער! — שלמה המלך איז די וועלט אויסגעפאָהרען און

האָט נעשריִהען אַני שלמה, און שלמה אַני! און בײַם שרײַען איז ער געבליִעבען.

הדסה: ווי קען מען עפּיס אין אזא צײַט פֿערדיִענען? די אָרעמע לײַט דאַרפֿען נעביך אַלײן, און די רײַכע האָבען מוֹרא אַרויסצוּגעהען זיי זאָלען זיך ניִט פֿערקיִהלען (מען הערט שפּיעלען) אָה! גוטע מענשען, לאָזט מיך אַרויס צו מײַן טאַטען.

גאָרגעל: (קלאַפּט אָן ביין מהיר, רעדט פֿון דרויסען) העָ! וועָן וועט איהר מיר שוין מײַן קינד אָבלאָזען?!

גיטעלע: קומט אַרײַן אַלטער, טריִנקט צוערסט אַ ביִסעל וואַרעמס, נאָכדעם וועט איהר אײַך אָבנעהמען אײַער קינד (גאָרגעל טרעט אויף)

גאָרגעל: אַ גוטען אָבענד!.. אוי אַ פֿראָסט!.. האָסט דו דיִך שוין אַ ביִסעל אָנגעוואַרמט, מײַן קינד?

הדסה: מיר איז שוין וואַרם!

שלמה: שלמה המלך זאָגט: „כּי לא יֶחְדַל אֶבְיוֹן״ — מאַכט עבריי-טײַטש, אַ אָרעמאַן איִן דער ערד אַרײַן! איִך קען די קבצנים ניט זעהן פֿאַר רחמנות (אב).

שפרה: האָסט מײַן טבע! איִך קען דיִך אויך ניִשט לײַדען פֿאַר רחמנות — איך געה עפּיס ברענגען וואַרעמס (אב).

גיטעלע: זאָגט נאָר אַלטער מאַן, ווער זענט איהר?

גאָרגעל: שלמה גאָרגעל! האָפּטוויקאַנט — אויב איהר שעמט אײַך ניט מיט קבצנים מעגט איהר מיר געבען שלום עליכם, איִך בין ניִט קײן היִעגער קבצן, איִך בין, און קום פֿון סטאַניִסלאַוו.

גיטעלע: וועה איז מיר! זענט איהר ניט שלמה פֿײַנזינגער, דער בעריהמטער חזן?!

גאָרגעל: דאָס בין איך געוועזען!

גיטערע: און ווי קומט דאָס מיידעל אָדער דאָס ווײַבעל צו אײַך?

גאָרגעל: דאָס איז מײַן קינד.

גיטעלע: אײַער טאָכטער איז דאָך געשטאָרבען שוין לאַנג, אַזוי האָבען מיר דאָ געהערט.

הדסה: ער האָט מיך אויפֿגענומען פֿאַר זײַן קינד.

גיטעלע: שעהן ר׳ שלמה! איהר האָט עס ווײַט געבראַכט, איך האָב נעהערט — זײַט מיר מוחל — אַז איהר האָט אײַך גענומען צום טריִנקען.

גאָרגעל: אַ ודאי! אין שטוב בײַם אויבען טריִנקט זיך עס וועניִגער, אַזוי איז!— דער מענש טראַכט און גאָט לאַכט!

גיטעלע: זאָגט בעסער — דער מענש זיִנדיגט און גאָט שטראָפֿט — ...ען איהר זאָלט ניט געוועזען ווערען אַ שכּור, וואָלט איהר הײַנט

געוועזען אַ כּבֿודיגער יוד און געהאַט פּרנסה בּריוח, ניט געדאַרפֿט אַרומגעהען אין די גאַסען הונגעריג און פֿריִערען אין...

גאָרגעל: נאָ, נאָ! נאָך לאַנג וועט די דרשה האַלטען?

גיטעלע: איהר האָט רעכט! איהר זײַט שוין גענוג פֿון גאָט געשטראָפֿט! — אָבער דאָס אײנע פֿערשטעה איִך ניִט, נאָך וואָס האָט איהר נאָך דאָס אָרעמע קינד צו אײַך גענומען?! זי אויך צו מאַכען פֿאַר אַ בעטלערין? — דאָס איז פֿון אײַך מעהר עבֿירה ווי אַלע אײַערע פֿעהלער מיט דעם טריִנקען צוזאַמען.

הדסה: בעליידיגט ניִשט מײַן טאַטען פֿאַר דאָס ביִסעל וואַרעמס וואָס איהר ווילט איהם געבען, ער גיט מיר מעהר און בעליידיגט מיך קײנמאָל ניט... מיר בעטלען ניִשט, מיר פֿערדיענען מיט אונזער שפּיִעלען און זיִנגען אונזער אָרעם שטיִקעל ברויט! הײַנט צום ערשטען מאָל האָב איך בײַ אײַך געבעטעלט, ווײַל דער פֿראָסט האַלט אָב אַלע מענשען זיי זאָלען ניט אַרויס-געהן אויף דער גאַס... מײַן טאַטע פֿערדיענט ניט בעליידיגט צו ווערען, מיר צוליִעב טריִנקט ער מעהר ניט, קײן מענש האָט זיך איבער מיר אין מײַן עלענד ערבאַרמט, ווי ער נור!.. טאַטע!.. קום!.. מיר וועלען בעסער אויף דער גאַס פֿריִערען און הונגערען איידער אָנוואַרעמען זיך און ווערען רויט פֿאַר בושה, קום!.. קום!.. (ווילען געהען)

גאָרגעל: יאָ, מײַן קינד! האָסט רעכט! בעסער פֿון גאָט דעם טויט — איידער פֿון מענשען ברויט!..

גיטעלע: פֿאַר דעם אמת דאַרף קײנער ניט ברוגז ווערען (אויפֿטריט שפרה מיט קאַווהע)

שפרה: אָט איז הייסע קאַווהע, מיט אַ סך צוקער! — וואָס? איהר ווילט שוין אַוועקגעהען?

הדסה: מײַן ליעב קינד? דײַן מאַמע האָט אונז דערמאָנט אַז אויסגעבעטעלט׳ס קען ניִשט וואַרעמען!

שפרה: געהט! געהט! מײַן מוהמע מײנט ניִשט שלעכט, זי איז זעהר אַ גוטע, קײן אָרעמאַן געהט ניט לײדיג פֿון אונזער הויז אַרויס.

גאָרגעל: און מיר זענען ניט קײן אָרעמע לײַט, מיר זענען קינסטלער!. און דערפֿאַר מוזען מיר פֿון אײַך הונגעריג אַרויסגעהען, ווײַל מיר נעמען ניט נדבות! (אויפֿטריט שלמה מיט געלד).

שלמה: איהר זעהט, איך האָב געזאָגט איך קען ניט לײַדען קײן אָרעמאַן, אָט האָב איך פֿאַר אײַך געלד איך האָב עס געזאַמעלט בײַ אַלע בעקער געזעלען, נאַט און ווערט אויס אָרעמאַן! (דערלאַנגט גאָרגעל׳ן געלד, ער נעהמט ניט).

שפרה: טהײַערער שלמה המלך! האסט דיך בענארעשט מיט דײַנע חכמות! די הערשאַפטען זענען ניט קײַן בעטלערס, זײַ זענען קינסטלערס, קענסט זײַ געבען — אָבער עפּיס צו פאַרדינען.

שלמה: יאָ טאַקי דאָס מײַן איך! מיר ווילען ער זאָל אונס עפּיס שפּיעלען, זינגען פון זײַנע זאַכען, א „אַתָּה זוכר מַעֲשֵׂה עולם" ! אָדער א „וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ".

נארגעל: דאָס קענט איהר פועל'ן, אָבער דערצו מוז איך האָבען א קאַפּעלע.

שלמה: וואו האָט איהר געזעהן אַ בעקער יונג זאָל ניט קענען שלמה נאַרגעלס „וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ" (קלינגט מיט'ן גלאָק) העי! געזעלען! לאָזט אָב אויף אַ מינוט די ראָסטשינע! קומט אַרײַן! (צו גיטעלע) אַ יאָ בַּעַל הַבַּיִת'טע איהר ערלויבט עס אונז? הײַנט איז דאָך אונזער „סְעוּדַת חֲנוּכָּה"!

גיטעלע: פאַר וואָס האָסטו מיך פריהער ניט געפרעגט? נור איך ערלויב אײַך, און דו שפרהלע קום מיט מיר! איך האָב מיט דיר עפּיס וואָס צו רעדען.

שפרה: לאָזט מיך מוהמע דאָ בלײַבען, עפּיס לאָזט עס מיך פון דאָס ווײַבעל ניט אַוועק געהען... (גיטעלע אב, אויפטריט בעקער-געזעלען, מיידלעך).

שלמה: קינדער! עס ווערט געזונגען „וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ" ווער עס קען מיט-העלפען זאָל שטעלען דעם נאַרגעל, נון הער קינסטלער! הויבט אָן! (נארגעלט שפּיעלט וויאָלין סאָלאָ).

כאר: וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ גָּלִינוּ מֵאַרְצֵנוּ וְנִתְרַחַקְנוּ מֵעַל אַדְמָתֵינוּ (בּים).

הדסה: וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ, חֲטָאֵינוּ, פאַר אונזערע גרויסע זינד, גָּלִינוּ מֵאַרְצֵנוּ וְנִתְרַחַקְנוּ מֵעַל אַדְמָתֵינוּ.
זענען מיר דערווײַטערט געוואָרען פון אונזער לאַנד.

כאר: וְאֵין אֲנַחְנוּ יְכוֹלִים לַעֲלוֹת וְלֵרָאוֹת וּלְהִשְׁתַּחֲוֹת לְפָנֶיךָ.

הדסה: אַך מײַן אָרעמעס הערץ
ווי גרויס איז יעצט מײַן שמערץ
העלף מיר גאָט
העלפען קענסט דו מיר נור פון מײַן נויט (נאַרגעל שפּיעלט)
אָה!.. נעהם שוין גאָטעניו צוזאַממען
אַלע דײַנע קינדערלעך
און ברענג אונז צו דער מאָסען
צײַג אונז דײַנע וואונדערלעך
און דאָרטען וועלען מיר מַקְרִיב זײַן
קָרְבָּנוֹת פאַר אונזערע זינד
און דו וועסט אונז מְכַפֵּר זײַן
ווי דערלעבט מען שוין די צײַט!..
גאָטעניו, טאַטעניו הער אונזער תְּפִלָּה! (כאר בּים, אויפטריט משולם).

משולם: וואָס איז דאָ פאַר אַזאַ שִׂמְחָה?!

הדסה: (זאמעלט געלד, משולם געהט צו וויל איהר געבען געלד, שרייט אויס) טאַ... טאַטע!.. מײַן מאַן!.. (פאַלט).

משולם: וועה!.. זי איז עס, הדסה!.. (פּאָזיציאָן)

(פאָרהאַנג פאַלט).

צווייטער אקט.

(צימער ביי גיטעלע, הדסה, משולם).

הדסה: נו וואָס האָט איהר מוֹרָא נעהנטער צו צוגעהען, וואָס קוקט איהר מיך אַזוי פערוואונדערט אָן?

משולם: איך זעה ווי אַ מענש קען זיך אַזוי פערענדערען.

הדסה: איז דאָס אַלעס וואָס איהר בעמערקט אין מיר? ערקענט איהר ניט בעסער אין מיר די יונגע שײַנע הדסה געגען וועלכער איהר האָט געהאַנדעלט ווי אַ ניבֿטסווירדיגער?

משולם: מיט וואָס קען איך יעצט פערענטפערען דאָס, וואָס איך האָב פערזינדיגט נאָך אַלס אינגעל? דאָס פּנים איז געוועזען שײַן די געשטאַלט פול חן איך האָב ניט געקענט בעהערשען די ליידענשאַפט.

הדסה: אָבער ווייסט איהר יונגערמאַן, וואָס איהר האָט פון מיר געמאַכט? איהר ווילט מיר גאָר נישט פרעגען, וואו איך בין די 17 יאָהר געוועזען? איהר מעגט אַזוי גוט זײַן און מיך חאָטש פרעגען.

משולם: דו ביזט אַצינד זעהר אויפגערעגט, איך וויל דיך נישט מעהר נאָך אויפרעגען, אָבער בין איך דען שולדיג אין דעם?

הדסה: געוויס דו! פאָטער! פאַר וואָס פרעגסטו ניט וואו דײַן קינד איז?

משולם: מײַן קינד?

הדסה: יאָ, דײַן... אונזער קינד! דאָס קינד האָסטו מיט אַ גט שיקען ניט געקענט אָבשאַפען'ן.

משולם: אויך אַ קינד איז געוועזען?... ווי אַזוי האָב איך דאָס געקענט וויסען? איך שווער עס דיר, וואָלט איך עס געוואוסט וואָלט מײַן טאַטע ניט געווען אים שטאַנד מיך צו צווינגען דיר אַ גט צו שיקען, אָבער אַצינד וואו איז דאָס קינד?

הדסה: דאָרט וואו מײַן ליעבע, — זי איז טויט!

משולם: איז אונזער קינד געשטאָרבען אויס מאַנגעל און נויט?.. אַך וויפיעל האָסטו דאַמאָלס געמוסט ליידען?!..

הדסה: שפּעט האָסטו דיך די זאָרג אין קאָפּף אַרײַן גענומען, דײַן יעצטיגער זאָרגען קומט מיר פאָר גראַדע ווי איינער זיצט אין דער וואַרעם בײַם טהעע און זאָרגט זיך איבער פאַריאָהריגען שנעע.

משולם: אמת הדסה! איך בין מודה אז איך האב געגען דיר א גרויסע זינד בעגאנגען, אבער וואס קען איך איצט טהון? בערעלען מײַן לאגע פון דאמאלס — א אינגעל, א שנעק! איך בין א היים געקומען איז דער טאטע געוואהר געווארען אז איך האב חתונה געהאט, האט ער מיך פון הויז ארויסגעיאגט.

הדסה: פאר וואס ביסטו ניט געקומען צו דײַן ווײַב?

משולם: האסט רעכט!.. אבער איך בעט דיך פערצײַהע מיר, איך האב חרטה!

חדסה: האסט הרטה?! ביסט אויף א מינוט אפשר אויפגערעגט? נו זאל איך 17 יאהר מארטער און קוואל פערגעסען, ווײַל דו האסט איין מינוט פערדרוס?!..

משולם: וואס ווילסטו זאל איך איצט טהון.

הדסה: מיך פארשטעלען דײַן מאמען אלס דײַן ווײַב, אלס די מוטער פון דײַן קינד!

משולם: צו מײַן מאמען? הדסה! דו ווייסט ניט וואס דו פערלאנגסט!

הדסה: איז דאס צופיעל פערלאנגט פאר מײַנע 17 יאהר צרות?

משולם: פאדער פון מיר אלסדינג, נאר דאס אײַנע ניט!

הדסה: וואס עפיס אנדערש קען איך פון דיר פאדערען? זאג! אפשר דײַן געליעבטע אין געהיים צו זײַן?...

משולם: איך קען עס ניט וואגען דער מאמען פאר'ן מויל צו ברענגען.

הדסה: נײַן? גוט!... טא וועל איך מיר אלײַן דײַן מאמען פארשטעלען, זאל זי משפט'ן צווישען מיר און דיר.

משולם: זי איז א אלטע פרוי האב רחמנות אויף איהר!

הדסה: האסטו רחמנות געהאט אויף דאס 15 יאהריגע קינד, וועלכע איז פאר דער צײַט גרוי געווארען?

משולם: איך בין איהר בן יחיד איך וועל איהר אויף אײביג אונגליקליך מאכען.

הדסה: אונגליקליך אויף אויביג האסטו מיך מיט מײַן אלטען שוואכען טאטען געמאכט.

משולם: איך קען ניט, די אלטע וועט עס ניט אויסהאלטען.

הדסה: דו קענסט עס ניט?.. גוט! אזוי וועל איך עס קענען, איך געה צו איהר (וויל אב).

משולם: הדסה! בלײַב דא, איך וויל אלײַן געהען צו איהר און איהר לאנגזאם פארבערײַטען.

הדסה: וואס וועסטו איהר זאגען?

משולם: דעם גאנצען אמת, בלײַב דא איך קום באלד צוריק, מײַן

מאמע איז א גרויסע חכמה, האט זעהר א גוט הערץ, איך האף אז זי וועט מיר פערגעבען.

הדסה: ווי איך פערשטעה האט דײַן מאמע פון אונזער חתונה גאר ניט געוואוסט?

משולם: זי ווייס עס נאך עד היום ניט, אבער איידער איך געה ארײַן צו דער מאמען וויל איך דיר נאך איין זאך פרעגען ביסטו נאך פרײַ!

הדסה: פרײַ? געווים! פרײַ זײַט איינינגע טעג!

משולם: וואס מיינסטו דערמיט?

הדסה: אה, דו מיינסט צו איך בין נאך דיר דורך א צווייטען, דורך א דריטען פערפיהרט געווארען? ווי דער שטײַגער איז בײַ מײַדלעך וואס זיי ווערען אונגליקליך אין זייערע יונגע יאהרען, נײַן, א נײַן! פון דעם בין איך א אויסנאהמע, איך האב גוטע שומרים געהאט אין די 17 יאהר איך זאל מיך ניט פערזינדיגען מעהר.

משולם: בײַ וועלכע פײַנע מענשען האסטו דיך די גאנצע צײַט אויפגעהאלטען?

חדסה: בײַ זעהר גוטע מענשען, 17 יאהר האבען זיי מיך געהאלטען אין זייער הויז ווי א אייגען קינד, מען האט פאר מיר געזארגט מיט עסען און קליידען, מען האט מיר בעוואכט עס זאל מיך קײַן שלעכטס געשעהן... נו? איז שוין דײַן פארהער צו ענדע?..

משולם: מיר דאכט זיך די מאמע קומט אהער, געה ארײַן אין צווייטען צימער, איך וועל דיך באלד ארײַנרופען.

הדסה: איך האף אז דײַן מאמע וועט דיך צו א צווייטען גט נישט צווינגען (אב, אויפטריט גיטעלע).

גיטעלע: גוט מײַן קינד וואס דו ביסט אלײַן, איך וויל מיט דיר ריידען, און איך האף אז פאר דײַן מאמען וועסטו קײַן סודות נישט האבען.

משולם: זײַ רוהיג מוטער, פון הײַנט און ווײַטער וועל איך גאנץ זיכער פאר דיר קײַן זאך בסוד האלטען.

גיטעלע: וואס פון הײַנט און ווײַטער? אבער ביז הײַנט האט מײַן איינציגער ליעבער זוהן יא געהאט סודות פאר זײַן מאמען?!

איז דאס מעגליך? איז דאס אמת?

משולם: לײַדער מוטער איז דאס אמת, איך בין נישט ווערטה דײַן זאהן צו זײַן.

גיטעלע: נײַן, נײַן, ס'איז ניט מעגליך! גיטעלע סגל'ס זוהן וואס די גאנצע וועלט איז מיך מיט איהם מקנא קען נישט שלעכט

זײַן! זאָג מײַן זוהן אַלסדינג דײַן מאַמען, עס איז זיכער ניט אַזוי שוואַרץ ווי דו מאָלסט דיר אויס.

משולם: און דאָך מאַמעניו טײַערע בין איך אין מײַן לעבען בע־גאַנגען אַזאַ זינד אַזאַ גרויסען פעהלער, אַז דו ווערסט זיך דאַרי־בער זעהר ערגערן און ווערסט מיר קײַן מאָל נישט קענען פער־צײַהען.

גיטעלע: אַז דער מענש דערקענט זײַן פעהלער און איז זיך אַלײַן מודה מוז איהם פערגעבען ווערען, זאָג מיר איך בין געפאַסט אויף אַלעם.

משולם: זאָלסט וויסען מאַמע איך האָב אין מײַן לעבען שוין אַמאָל אַ מײדעל געליעבט.

גיטעלע: נוא, וואָס איז אַז דו האָסט אַמאָל אַ מײדעל געליעבט? מן הסתם האָסטו זי נאָך יעצט אויך ליעב, דער פעהלער איז נאָר פאַר וואָס האָסטו דער מאַמען עס שוין לאַנג ניט געזאָגט, ווײסטו דען ניט ווען עס זאָל זײַן די טאָכטער פון אַ יודישען מֶלֶך וועט די מאַמע אַלסדינג אַוועק געבען אַבי זי זאָל איהר אײנציגען זוהן גליקליך מאַכען.

משולם: מאַמע, הער אויף געגען מיך אַזוי פיעל גוטסקײט אַרויס צו ווײַזען, דען איך פערדין עס ניט, איך בין ניט ווערטה אַזאַ גוטע מאַמען צו האָבען.

גיטעלע: נײַן משולם, זאָג מיר ווער זי איז, וואו זי איז און פאַר וואָס שטעהט זי איצט ניט פאַר מיר, איך זאָל איהר מײַן ברכה געבען.

משולם: זײַט מײַן ערשטע ליעבע צו איהר איז שוין 17 יאָהר פערגאַנגען, זי איז דאַמאָלס געווען אַ אָרעם מײדעל אָבער אַ שײנ׳ס און אַ עהרליכ׳ס מיט אַלע מעלות, אָבער איך האָב איהר בעטראָגען, אין דער צײַט פון די גזירה חתונות האָב איך איהר פאַר מײַן פרוי געמאַכט, נאָך דעם ווי זי איז שוין געווען מוטער פון מײנעם אַ קינד.

גיטעלע: (שפרינגט אויף) נײַן, נײַן! אַזעלכע דאַרפסטו אין מײַן הויז נישט אַרײַן ברענגען, נאָר ווען דו ווילסט מײַן קאָפּ מיט חרפות און בושה׳ס בעדעקען.

משולם: איך מוז אָבער גוט מאַכען וואָס איך האָב פריהער פער־בראָכען.

גיטעלע: גיטעלע סגל׳ס הויז איז ניט קײַן פאַבריק וואו פערבראָ־כענע כלים ווערען גאַנץ געמאַכט! איך בין גענוג רײַך די פער־בראָכענע כלים אַרויס צו וואַרפען און נײַע פאַר דיר צו קויפען!

משולם: דער פערברעכער בין איך געוועזען, איך שווער עס!..

גיטעלע: שווײַג! שווער ניט פאַלש! זעהר שײַן פון דיר וואָס דו ווילסט זי בעשענען, אָבער מיר קענען די וועלט! אײַן אַנשטענ־דיגעס קינד לאָזט אין זיך קײַן פערברעכען בעגעהען, איך בין גאַנץ זיכער אַז אויך זי האָט אַ נעטץ געשפּיענט דעם רײַכען יונ־גען משולם סגל אין איהר נעטץ צו כאַפּען.

משולם: מאַמע! זי האָט מיך נישט אַמאָל רעכט געקענט, נישט זי האָט געוואוסט ווער איך בין, צו בין איך רײַך צו בין איך אָרעם, ביז׳ן הײַנטיגען טאָג!.. זי איז געווען אַ כּשר קינד, אַ פרום לעמעלע, און איך האָב די ערגסטע מיטעל אָנגעווענדעט איהר צו פערדערבען.

גיטעלע: גאָט זאָל דיר מוחל זײַן — איך קען ניט (וויינט) אָבער זאָג וואָס איז פון דער אונגליקליכע געוואָרען? וואו איז זי די גאַנצע צײַט געוועזען?

משולם: איך האָב די גאַנצע צײַט פון איהר גאָר ניט געוואוסט, זי איז געווען פערשוואונדען.

גיטעלע: האָסטו איהר גאָר ניט געזוכט? האָסטו גאָר ניט געטראַכט וואָס עס טהוט זיך מיט איהר?

משולם: זי האָט אַ גט פון מיר בעקומען, און זי איז טוידט פאַר מיר געוועזען.

גיטעלע: נו און איצט איז זי תחית המתים אויפגעשטאַנען?

משולם: יאָ! אָבער זעהר פערענדערט אַ אָבגעריסענע אָרעמע בע־טלערין איז פון איהר געוואָרען אַ...

גיטעלע: (ערשראָקען) אַ גאַסען־זינגערין?.. די אפשר?.. די וואָס געפינט זיך איצט אין מײַן הויז?

משולם: יאָ די! די איז אַ מאָהל שײַן געווען ווי אַלע וועלטען, זי איז אַ מאָהל געווען די מאַמע פון מײַן קינד וואָס איך האָב בײַ דעם הײַנטיגען טאָג ניט געוואוסט דערפון און וועלכעס איז געשטאָרבען געווים איבער מײַן שולד. העלף מיר מײַן פעהלער בעסער צו מאַכען (קניהט)

גיטעלע: גאָט! גיעב מיר כח אויף דער עלטער די בושה אויסצו־האַלטען... גוט! לאָז מיך מיט איהר רעדען!

משולם: זאָגסט מיר צו מאַמע, אַז דו ווערסט מיט איהר גוט און ווײך רעדען?

גיטעלע: אונגערעכטיגקײט האָט נאָך גיטעלע סגל קײנעם ניט גע־טהון, נעה שיק מיר איהר אַ הער.

משולם: אויף מײַן גאַנצען לעבען וועל איך דיר דאַנקבאַר זײַן (אָב).

גיטעלע: גאָט! זײַ מיר מוחל וואָס איך בין אַ צו שטאָלצע מאַמע איך ווײס איך האַנדעל נישט ווי עס דאַרף צו זײַן, אָבער איך

קען אנדערש נישט, (הדסה ערשיינט אין טהיער, בלייבט שטעהן) קום אהער, ארעם קינד! קום נעהנטער צו! האסטו שטענדיג אזוי שלעכט אויסגעזעהען?.. האסט א וודאי זעהר פיעל געליטען אין דיין לעבען?

הדסה: איך האב שוין אלסדינג פערגעססען.

גיטעלע: מיין זוהן האט מיר שוין אלסדינג דערצעהלט, אבער איך וויל עס פון דיין מויל נאך א מאל הערען.

הדסה: פרעגט, און איך וועל אייך ענטפערן.

גיטעלע: ווי אלט ביסטו געוועזען ווען מיין זוהן האט דיך ערקענט?

הדסה: 15 יאהר!

גיטעלע: נו, האסטו ניט געוואוסט, האסטו נישט געקענט פערשטעהען, אז א אידישע טאכטער מוז דאס ערשטע איהר כבוד אבהיטען, ניט מיט יעדען ערשטען בעסטען יונגען מאנן, וואס מען זעהט שוין זיך פערליעבען און גאר ניט פרעגען ווער זיינע עלטערן זענען און אויב זיי וועלען צופריעדען זיין מיט דעם?

הדסה: האט איהר די זעלבע פראגע צו ערשט אייער זוהן געשטעלט?

גיטעלע: גאט האט געלאזט די תורה דורך מענער שרייבען, דערפאר האבען די מענער זיך מעהר רעכט צו געשריעבען. די מענער דארפען אבגעבען דין וחשבון פאר זייערע עבירות פאר גאט ערשט נאכ'ן טויט, דערוויל האבען זיי צייט צו זינדיגען. מיר ווייבער אבער מוזען זיך פארענטפערען פאר דער וועלט, פאר אונזערע מענער, און דערפאר מוז די פרוי קודם גוט בערעכנען וואס זי טהוט!

הדסה: איהר האט רעכט ביי זיך, אבער איהר ווייסט ניט וואס א ארעם קינד האט אויס צושטעהען אויף דער וועלט?

גיטעלע: אדרבה! זאג, וועל איך וויססען!

הדסה: שטעלט אייך פאר מיין לאגע! א ארעם מעדכען, דער טאטע איז א ארעמער חזן, פערדיענט קוים דאס שטיקעל ברויט, דאס מיידעל זעהט מענשען אויף דער וועלט לעבען, עס גלוסט זיך איהר אויך צו לעבען, זי הויבט אן צו חלומ'ן, נאכדעם האפט זי איהרע חלומות זאלען אמת ווערען! פלוצים קומט א יונגער מאן, חאפט זיך אריין ווי א גנב אין איהרע חלומות, זי חאפט זיך אויף פון איהר חלום, זי געפינט איהם ביי זיך אין הארצען. דער רייכער יונגערמאן איז ארוים אויף דער יאגד צו חאפען דאס מענשליכע חיה'לע, דאס חיה'לע איז געחאפט געווארען, עס געפינט זיך אין זיין נעטץ, ער קען דאמיט טהון וואס עס גלוסט זיך איהם, און נאכדעם ווי ער האט זיך שוין מיט דער חיה'לע געזעטיגט, לאזט ער עס אוועק, און דאס

חיה'לע בלאנדזשעט ארום אהן א היים, אהן א נעסט, אהן פריינדע און אהן בעקאנטע ביז עס ווערט געפאנגען אין א אייזערנעם שטייג, עס זאל ח"ו די מענשען ניט שאדען. דאס איז די געשיכטע פון מיר מיט אייער זוהן! נון? קענען דאס פערשטעהן די רייכע לייט?!..

גיטעלע: יא האסט רעכט צו פערלאנגען פון מיין זוהן אז ער זאל זיין פעהלער בעססער מאכען, אבער ער קען עס ניט ווייל ער האט צו קלייבען צווישען 2 בעלי חובות, — מיר איז ער שולדיג! און דיר איז ער שולדיג! — איך בין זיין עלטערער בעל חוב, און דיין חוב וויל איך ביי דיר אבקויפען! איך וועל דיר געבען 2000 גולדען דו זאלסט די שטאדט פערלאזען!

הדסה: ער האט מיר מיין לעבען גערויבט, מיין לעבען און דאס לעבען פון מיין קינד, און מיט לעבען מוז ער מיר בעצאהלען, ניט מיט געלד!

גיטעלע: אויך מיר איז ער לעבען שולדיג, זיין גאנץ לעבען וואס איך האב איהם געגעבען געהער מיר און קיינער קען פאן איהם פערלאנגען אהן מיין ערלויבנים!

הדסה: איהר האט רעכט! אבער מיין אונגליק איז זעהר גרוים (אויפטריט נארגעל שטיל, הערט אונטער).

גיטעלע: הער!.. נאך מעהר!.. דאס מיידעל וואס דו האסט דא אין הויז געזעהען, וואס זי האט מיט דיר אזוי פיעל רחמנות געהאט, און דו האסט צו איהר אזוי פיעל ליעבשאפט בעוויעזען — דאס מיידעל איז פאר איהם בעשטימט! און ווען דו רייסט איהם אוועק פון איהר אזוי מאכסטו איהר אונגליקליך צו זאמען מיט זיין אלטער מוטער! פאלג מיך, דיין טאטע איז א אלטער שוואכער מאן, מיט 2000 גולדען קענסטו זיין לעבען גליקליך מאכען, ברענג דיינע יאהרען פאר א קרבן פאר דיין טאטען, פאר דאס יונגע קינד וועלכע דו ליעבסט און אויך פאר מיין זוהן ווען דו האסט א מאל איהם געליעבט.

הדסה: איהר צוברעכט מיר מיין הארץ! איהר האט רעכט, מיין טאטע איז ארעם, און קראנק, דאס יונגע שפרה'לע האט מעהר רעכט צו לעבען, איך וויל!.. יא איך טום איהר מיינע יאהרען אוועקשענקען!..

נארגעל: (טרעט פאר) ניין! מיינט ניט בעקערין אז איהר באקט ברויט, מעגט איהר נשמות אויך באקען!.. די חלה וועט אייך ניט גערראטען!.. פאר א טרונק בראנפען האב איך מיין לעבען פערקויפט, אבער דאס לעבען פון מיין קינד פארקויף איך ניט פאר אייער גאנצע בעקעריי!.. הדסה!.. קום מיט דיין טאטען פון דאנען! אין דעם הויז ברענט א העליש פייער, ניט אין בע-

קעריִשען אויוועֶן נאָר איִן העֶרץ פֿון דער בעֶקעריִן! דער גרויסער בעקער איִן היִמעל וואָס גיִט ברויט פֿאַר דער גאַנצער וועלט, וועט אָן אונז אויך ניִט פֿערגעסען, און די בעקערקע מיִט איִהר הולטאַיסקען זוהן וועלען פֿערברענט ווערען איִן זייער אייגענעם אויוועֶן!.. קום!..

ניטעלע : איִהר זענט אַ געמיינער שכּור!

נאַרגעל : צו דעם האָט מיר אייער זוהן געבראַכט, און איך וויל אַזוי לאַנג גיִעסען די ברענענדיגע משקה ביז איִהר וועט פֿערברענט ווערען.

הדסה : טאַטע שעלט ניִט, האָסט מיר געשוואָרען ניִט צו שיִלטען.

נאַרגעל : דאָס הייסט ניִט געשאָלטען, אַלע קללות פֿון דער תּוכחה זענען צו וועניִג, אַ שׂרפֿה, אַ מגפֿה פֿון דער וועלט זענען צו וועניִג!.. קום!.. (וויל געהען).

הדסה : טאַטע! לאָז זיין... (אויפֿטריט משולם).

משולם : מאַמע וואָס האָסטו געטהון?.. בעסער טוידט מיך!..

נאַרגעל : דאָס איז צו וועניִג!.. קום, הדסה!..

משולם : ניין, איך לאָז איִהר ניִט (פֿאַרשטעלט דעם וועג, נאַרגעל וויל איהם שלאָגען מיט'ן פֿיעדעל).

נאַרגעל : גזלנים! רוצחים! לאָזט אונז אַוועק! (נאַרגעל, הדסה, אַב. גיטעלע פֿאַלט אויף משולם'ן אָהנמעכטיג).

פֿערוואַנדלונג

(אַ אָרעמעס צימער. חוה שטעהט פֿערפֿרוירען).

חוה : די קבּצנים זענען נאָך ניִט אַ היים געקוממען! חלעבען גאָט פֿרייט זיך איבער אונז, ווייל ער זעהט ווי איין קבּצן גיִט דעם אַנדערען. עס איז נאָך ניִט גענוג מיינע צרות מוז איִך נאָך דאָס לעצטע שטיִקעל ברויט מיט זיי זיך טהיילען! אָבער נעכטען האָט שוין גאָר ניִט געהאָלפֿען און זיי האָבען נעביך ביידע געמוזט איִן אַזאַ פֿראָסט אַרויסגעהען אַ שטיִקעל ברויט פֿערדיִענען און זיי זענען נאָך ניִט צוריק געקומען! (אויפֿטריט שלמה מיט האָלץ).

שלמה : אַ גוטען אָבענד!.. אָט דאָ וואָהנט די קבּצנה'טע?..

חוה : דאָ האָט זי געוואָהנט, איצט וואָהן איִך אונטער'ן דאַך, און די שטוב האָב איך פֿערדונגען דעם הויפֿמוזיקאַנט מיט זיין טאָכטער.

שלמה : אַזוי?.. האָב איִך דאָך גוט געטראָפֿען! לעבען זאָל שלמה המלך! ער האָט געזאָגט „זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה“, מאַכט עברי טייטש, וואויל איז דעם צדיק וואָס נעהט אָנגעטהוען מיט אַ פּעלץ, און אַז ער האָט ניִט קיין פּעלץ מוז ער האָבען חאָטש אַ וואַגען האָלץ די

נשמה אָנצוואַרמען און דערפֿאַר האָב איך שלמה'לע געזאָרגט, דאָ האָט איִהר האָלץ און פֿאַר דאָס איבעריגע זאָרגט איִהר! נעהמט און מאַכט פֿייער, די קבּצנים וועלען אַ היים קוממען באַלד לאָזען זיי געפֿינען אַ פֿרעהליכען אויווען.

חוה : הונגערט יאָהר זאָלט איִהר לעבען! דאָס האָלץ האָט אַ וודאי געשיִקט די פֿרומע גיִטעלע?!

שלמה : וואָס איז דיר דער חילוק ווער עס האָט געשיִקט, צו די פֿרומע גיִטעלע, צו דער חכם שלמה?! דער עיקר איז אַז מען האָט געבראַכט! האָלץ איז דאָ? — קאַלט איז איִן דרויסען?.. נעהמט און מאַכט פֿייער!.. אָבער איִך זעה דאָ גאָר קיין אויווען ניִט!

חוה : דער אויווען שטעהט דאָרט איִן אַלקער, אַז מען מאַכט דאָרט פֿייער ווערט דאָ וואַרעם, אַז איִהר ווילט אַזוי גוט זיין העלפֿט עס מיר דאָרט אַריין טראָגען.

שלמה : אויף ויֵּצֵא יעקב, מאַכט די עברי טייטש, מען דאַרף קיין פֿוילער ניִט זיין, אַז מען וויל עס זאָל זיין וואַרם טאָהר מען ניִט קיין גאַנג שפּאָרען... (אָב מיט חוה, קומט באַלד צוריק), אַזוי איז מיט די חוה'ס! ווער ווייסט וואָס מיט איִהר איז געוועזען איִן דער יוגענד!.. און דאַדורך זעהט זי אַזוי אויס! אוי, די חוה'לעך!..

I.

ציַיט גאָט האָט פֿון אָדם'ס ביין
אַ חוה איִהם געמאַכט
אוי האָט ער פֿון איִהר אויסצושטעהן
ביי טאָג און אויך ביי נאַכט.
עסען ברענג איִהר ביז צום בעט,
זי פֿרעסט אַ גאַנצען טאָג
און פּרוב נאָר גיב איִהר ניט אַ גלעט
איז אַ יאָמער אַ קלאָג.
ערשט געוויינט און שוין אַ שמייכעל
לאַנגע האָר און אַ קורצען שׂכל,
באַלד פֿערגעסען זיי וועמען זיי האָבען ליעב
און אַז עס קומט אָן די צייטען
ווען עס שטעכט זיי איִן די זייטען
טאָ נעהם חאָטש העֶנד און פֿיס און לויף אַרויס פֿון שטוב
נור דאָן איִן שלאָף זענען זיי גוט אָהן אַ סוף.

חוה! אוי, אוי, חוה! ווי קומט עס חוה?..
מיך וואונדערט גאָר אָהן אַ שיעור
אַז חוה, אוי, אוי, אוי, חוה! וואָלט איִך געוועזען טשיִקאַוועצ
זעהן וואָס וועט אַרויסקומען פֿון דיר.

II.

איך האָב אַ חוה אַ מאָל געקענט
שוין 15 יאָהר געווים,
געהאַט האָט זי 2 לאַנגע הענד
און אויך 2 קרומע פֿיס.
געקומען איז זי פֿון עק וועלט
אַ דאַרע, אַ ווילדע קאַץ
דינען האָט זי זיך געשטעלט,
געקריגען קוים אַ פּלאַץ.
פֿון די טעפּלעך פּלעגט זי נאַשען
און פּלעגט זופּען פֿון די פֿלאַשען
די גאַנצע שטעדטיל האָט מיט איהר געקרעשט,
זי פּלעגט לעקען פֿון די טעפּלעך
און אויפֿפרעסען אַלע קרעפּלעך
ביז ס'איז געוואָרען קענטיג אַז זי נאַשט —
גאַנץ שיין, נישט שלעכט
ווער האָט זיך דאָס גערעכט?

חוה! אוי, אוי, אוי! חוה!.. א. ז. וו.

III.

איך האָב נישט לאַנג דאָרט אין דער גאַס
פֿון אַ געשעפֿט גערעדט,
איך זעה אַ דאַמע זעהר בלאַס
פֿאָהרען אין אַ קאַרעט
איך האָב אין דער דאַמע באַלד ערקענט
די חוה פֿון אַ מאָל!
זי טראָגט בראַסלעטען אויף די הענד
און בריליאַנטען גאָר אָהן צאָהל.
אויסגעפּוצט ווי אַ גרעפֿין
טראַכט און טראַכט און קען נישט טרעפֿין
פֿון וואַנען איז זי געוואָרען גרויס?
פֿרעגען האָב איך מיך גענומען
אַ ענטפֿער האָב איך באַלד בעקומען
אַז זי פֿיהרט אין שטאָדט אַ גרויסאַרטיג הויז —
גאַנץ פֿיין, ניט שלעכט
ווער האָט זיך דאָס גערעכט?

חוה! אוי, אוי, אוי חוה!.. א. ז. וו.

IV.

נישט אַלע חוה'ס זענען שלעכטע
דאָס קען איך אייך שווערען,
עס איז דאָ גוטע און גערעכטע
איך וויל עס אייך ערקלערען.
יענקעל שוסטער דער קבצן
ער זעהט שוין אוים אַ פּגר,
ער איז שוין נישט קיין יונגער מאַן
און איז אַ מאַן נאָך, ווי דער שטיינער...
און זיין חוה בליהט נאָך ווי אַ רויז,
חאָטש זי וואַקסט פֿון אַ אָרעם הויז.
זי וואָלט אויך קענען לעבען גליקליך פֿריי
און אַרבייט טעגליך פֿון בעגין
אַ גאַנצע נאַכט ביי דער מאַשין
און בלייבט איהר מאַן אויף אויביג געטריי
און זי האַלט אוים
דאָס גאַנצע אָרעמע הויז.

חוה! דאָס איז אויך אַ חוה, אָט אַזאַ חוה
געפֿינט איהר ניט ווי וויים,
חוה! אָט אַזאַ הוה!
וואָלט איך געוועזן טשיקאַווע
איהר זאָלט מיר ווייזען ביי די רייכע לייט!.. (אב).

(אויפֿטריט שפרה מיט אַ קערבעל עססען און ברויט).

שפרה: אָ דאָ מוז עס זיין! איך זאָל ניט געשטראָפֿט ווערען פֿאַר די רייד, דער דלות פֿייפֿט אין אַלע ווינקעלעך! מיט די עטליכע ברויט קען מען דעם דלות חאָטש אַ פּאָר טעג דעם פּיסק פֿער־שטאָפּען ער זאָל אַזוי ניט פֿייפֿען. דאָ האָב איך געבראַכט פֿלייש... יאָ אָבער צו פֿלייש דאַרף מען דאָך אויך האָלץ!.. אָבער וואו זענען זיי?.. הע, קבצנים!.. (אב, אויפֿטריט הדסה, נארגעל, ציטערן פֿאר קעלט).

נארגעל: געלויבט איז גאָט! מיר זענען שוין אין אונזער היים!.. קיינער האָט אונז שוין קיין דעה ניט צו זאָגען!.. אונזער דלות, אונזער פֿראָסט!.. מיר מעגען זיך אויסשטרעקען אין דער לענג און אין דער ברייט! — חאַטש פּאָקרישקע — זאָגט דער יַוָן, איך וויל זעהן ווען די בעקערין זאָל דאָ וואָהנען חאָטש אַ האַלבע שעה, צו זי וואָלט נאָך געוועזן אַזאַ ברייטע מחותּנת'טע, נשמות אָבצוקויפֿען. (ער זעצט זיך פֿאלט אויף'ן בענקיל).

הדסה: זיי מיר מאַטע מוחל, דורך מיר ליידעסט דו אַזוי פֿיעל!

װען איך זאָל געװען װיסען װער די בעקערין איז, װאָלט איך דיך אהין ניט געװען אריינגעפיהרט, פאַר אַלעס פון דער װעלט, אָבער איך שװער דיר!..

נאַרגעל: שאַ!.. נור ניט שװערען! אַשיכור שװערט תמיד פאַלש! צו איז מען שיכור פון בראַנפען, צו איז מען שיכור פון צרות!. הדסה! די װעלט איז שטענדיג שיכור! דערפאַר דרעהט זי זיך שטענדיג!.. אויך איך קען ניט איינשטעהען אויף מיינע פיס! אָבער האָס ביסט דו שולדיג?.. מיין אָרעם קינד!.. אוי הדסה!.. מיר דאַכט זיך, די װעלט בלייבט שטעהען, די ליכט הויבען אָן אויסצוגעהען, עס װערט פינסטער... זעה הדסה דאָרט אויף דער סטעליע שטעהט איינער מיט אַלאַנגער שװערד און װיל מיך קוילען!.. (שפרינגט אויף) טרייב אַװעק די שלאַנגען פון מיר!.. זיי װילען מיך בייסען!..

הדסה: גאָט אין הימעל! ער רעדט פון היטץ, און איך האָב ניט מיט װאָס אַ דאָקטאָר צו רופען, טאַטעניו שרעק דיך ניט!.. גאָט איז מיט דיר װאו האָסטו שלאַנגען?!. די שלאַנגען װאָהנען אין די רייכע פאַלאַסטען!.. דאָ איז קיינער ניטאָ, מעהר ניט װי אונזער בעסטער פריינד הונגער און נויטה, מיר זענען מיט זיי שוין געװאָהנט, װאָס שװייגסט דו?!. טאַטעניו!.. רעד צו מיר איין װאָרט!.. צו דיין הדסה!.. (טרייסעלט איהם) װעה איז מיר!.. ער איז פערגליװערט!.. ער שטאַרבט!..

נאַרגעל: שאַ!.. שאַ!.. איך לעב נאָך!.. אַ אָרעמאַן קען אזוי גיך ניט שטאַרבען מיט איין מאָל... דער מלאך המות איז מיט אונז אַ גוטער ברודער!.. אויף אונז לערנט ער זיין מלאכה... יעדען טאָג טוידט ער אין אונז אַ אַנדער אבר, דערפאַר צום סוף האָבען מיר אַ גרינגען טוידט!..

הדסה: זאָג טאַטע, מיט װאָס זאָל איך דיר מחיה זיין? אָט האָסטו אַ פריש שטיקעל ברויט, נעהם און ערקוויק דיך!

נאַרגעל: זיי ניט קיין נאַר, מיין גוף איז שוין לאַנג טוידט! די נאַרישקייט האָט שוין לאַנג צו מיר קיין שליטה ניט. נאָך לעבט אין מיר די נשמה, אַז דו װילסט איהר מחיה זיין עפּיס מיט אַ גוטע נגינה, זינג מיר דאָס שטיקעל „ומפני חטאינו" און גיעב מיר מיין פידעלע װעל איך דיר צו העלפען.

הדסה: איך האָב מורא עס זאָל דיר ניט אָנשטרענגען.

נאַרגעל: פאַר די מעלאָדיע האָט קיין מת קיין מורא ניט, דעם מת אַרט ניט װאָס אין קבר איז פינסטער... זינג!.. זינג מיר מיין קינד!.. (זי זינגט ומפני חטאינו ער שפּיעלט ביז ער חלישט).

הדסה: װעה איז מיר! ער חלישט!... העלפט!.. העלפט!.. אַ

דאָקטאָר!.. (אויפטריט שפרה, שלמה, חוה).

אלע: װאָס איז? װאָס איז געשעהען?

שלמה: דער קבצן האָט זיך געקעהרט איבערעסען!

שפרה: שװייג דו בעקעריונג, מיט דיינע אַלטגעבאַקענע װיטצען, מען דאַרף אַדאָקטאָר!.., ניט װייט פון אונזער הויז װאָהנט אַ גוטער רופא!..

הדסה: גוטע מענשען! גיט דערװייל אַכטונג, איך װעל לויפען נאָך אַ דאָקטאָר. (וויל לויפען בלייבט אין פערלעגענהייט אָבער װאו נעהמט מען אַ גולדען)?

שפרה: נאָט אייך אַגולדען, איהר װעט מיר מאָרגען צוריק געבען. אָבער ביינאַכט אַפרוי אַליין?! שלמה! אפשר װעסטו מיט איהר מיט געהן?!

הדסה: אָה ניין! בעמיהט אייך ניט, איך האָב קיין מורא ניט, מיינע דיאַמאַנטען מיט מיין פערמעגען װעט קיינער מיר ניט אַװעקרויבען, אָבער װער בלייבט ביי איהם?

אלע: מיר בלייבען דאָ ביז איהר קומט צוריק!

הדסה: גוט, גוט, זעהט נאָר, גיט אויף איהם גוט אַכטונג (אב).

שלמה: איצט טהוט װאָס דער דאָקטאָר הייסט אייך! (װייזט אויף זיך) שלמה המלך זאָגט „הכל הבל" מאַכט די עברי טייטש — אַ טרונק בראַנפען קען קיין מאָל ניט שאַדטען! נעהמט איהם נאָר אַריין אין צװייטען צימער! דער אויװען װעט איהם װאַרעמען פון איין זייט און אַ טרינק בראַנפען פון דער אַנדערער זייט, װעט דער דאָקטאָר מעגען אין דער היים בלייבען. (װינקט איהם) ר' שלמה, ר' שלמה!.. ענטפערט ניט, ער לייגט איהם צו דאָס פלעשעל צום נאָז) ר' שלמה!.. אשנעפסיל!..

נאַרגעל: (חאַפּט זיך אויף) אַביסעל בראַנפען? (אלע פיהרען איהם אָב).

פערװאַנדלונג.

(רעכט גיטעלעס װאָהנונג, לינקס אַ הויף ביי גיטעלען אַברונען, אטיהר צום קעלער, פענסטער אין װאָהנונג. הדסה לויפט אַרום ערשראָקען).

הדסה: זיי לויפען מיר נאָך! גאָט העלף מיר אין דער נויטה! אָט דאָ דאַרף ערגיץ זיין אַברונען, אָט איז עס, (קריכט אַריין, אויפטריט עזריאל מיט 2 גנבים).

עזריאל: װי געפעלט אייך דאָס נאַכט קעטצעלע, זי איז פערשװאונדען געװאָרען! אָט דאָ איז זי ערגעץ אַריין, אָבער װי אזוי?

איינער: גאַנץ איינפאַך, דורך דער טהיר!

עזריאל: הערט אוים, מיר װעלען דעם קאַססע קאַסטען אויפברעכען, און דאָס גאַנצע געלד אַרויסנעהמען, װעט מען חאַפּען די

הדסה מיט איהר טאטען און מען וועט זיי בעשולדיגען. דעם אלטען שיכור בין איך שולדיג אבצודאנקען.

איינער: אלזא קומט שנעלער לאמיר געהען (אלע 8 אב דורכ'ן פענסטער אין גיטעלעס הויז, די גנבים בינדען גיטעלען און משולמ'ן די הענד און נעהמען פערשיעדענע זאכען).

הדסה: (שטעהט אויף) אוי! זיי זענען אריין אין גיטעלעס הויז, איך קען פאר שרעק ניט אוועק געהן פון דאנען, איך וועל אנהייבען צו קלינגען אליארם. (קלינגט מיטן גלאק, אויפטרים ארבייטער פון קעלער).

אלע: וואס איז? וואו ברענט?

הדסה: ניין!.. מערדער!.. גנבים! אט דא!.. (ארבייטער קריכען דורכ'ן פענסטער, חאפען די גנבים שלאגען זיי).

פארהאנג פאלט.

דריטער אקט.

(א הויף, רעכטס איינגאנג צו גיטעלע — לינקס א טהיר צום בעקעראייווען שלמה, בעקעריונגען, מיידלעך. ערב פסח).

שלמה: עס איז שוין 8 אזייגער, די בעל הבית'טע שרייט מען דארף שוין דעם חמץ פערברענען, מען זאל אבעסען דעם חמצ'דיגען אנבייסען. נון ווער עס וויל ניט הונגריג בלייבען זאל געהן צום טיש.

אלע: צום טיש! צום טיש! (אב).

שלמה: מיר דאכט זיך אז ווען די יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, האבען זיי אזא שמחה ניט געהאט ווי די בעקעריונגען ווען זיי האלטען ביים חמץ פערברענען. און זיי האבען חלעבען רעכט, אגאנץ יאהר ליגען אין דער ראסטשינע און זיין פערמעהליגט איז ערגער ווי קנעכטען לייט און מאכען ציגעל צו מויערן פיתום ורעמסס. אבער מיר איז די שמחה פערשטעהרט. זייט די נאסענזענגערין האט די בעל הבית'טע געראטעוועט פון די גנבים איז זי מיט איהר אלטען כלי זמר די גאנצע בעלי בתים אין הויז. שפרה'לע האט גאר פערגעסען אן איהר ליעבען שלמה'לען, דער קאפ איז איהר שטענדיג ביי הדסה'ן! עס זאל איהר חלילה ניט עפעס פעהלען. נור ווי איך פערשטעה האט שפרה'לע אזא מין קראנקהייט צו ליעבען אלע מענער, חיפיעל מאל האב איך איהר ערקלערט אז די בעל הבית'טעס זוהן איז צו אלט פאר

איהר, ער פאסט ניכער איהרער אטאטע צו זיין; איצט איז זי פערליעבט אין דעם אלטען וואס פאסט איהר זיידע צו זיין! הײַנטיגע קינדער זענען גאר ניט צו פערשטעהען, וואס עלטער זיי ווערען, מעהר נארישער ווערען זיי. אוי קינדער! קינדער! ווי לאנג נאך וועט איהר זיין קינדער?! אומזיסט, שלמה המלך, איז געוועזען דיין מיה! אומזיסט דיין שרייען: „שלמה אני, אני שלמה"!

I.

די מענשען קענען מיר גאר ווענינ
און מאכען מיר אוועק מיט דער האנד,
זיי ווייסען ניט אז שלמה'לע קעניג
איז דער קליגסטער מענש אין לאנד.
מענשען זאגען אז דער גרעסטער חכם
איז געווען שלמה המלך אליין,
און איך זאג ער פארדינט ניט די שבחים
וויל ער איז גאר קיין חכם געווען.
ווען ער וואלט געוועזען א קלוגער יונג
אזוי ווי די מענשען אויף איהם זאגען,
וואלט ער ניט געגעבען דעם אשמראי דעם רינג
און נאכדעם ארומגעהן קלאגען:
איך בין געוועזען גרויס, יעצט בין איך קליין
וואס העלפט מיין שרייען מיין געוויין
פון פריהער דעם כבוד האב איך ניט
חאטש שריי ביז מארגען שלמה אני, אני שלמה!

II.

הערט אחכמה פון א קעניג
הערט מיט וואס מען ווערט א חוואט
איין שיין ווייבעל איז איהם געווען וועניג
נו, האט ער טויזענד שטיק געהאט.
א מאן פון אונס קען ניט אויסקומען
מיט איינער וואס זי איז ניט געטריי
און ער האט גאנצע טויזענד גענומען,
נו וואו זשע שטעקט דא זיין חכמה דערביי?
אבער איך בין א חכם איינער
איין שפרה'לע איז פאר מיר גענוג
מיר זאל זיין פאר איהרע ביינער
נו. זאגט אליין בין איך ניט קלוג?

איך בין יעצט קליין, אבער איך וועל זיין גרויס:
מיין חכמה קיינט פון מיר ארויס,
כבוד האבען וועל איך נאר אהן שיעור
דאס מענט איהר אלע גלויבען מיר, אני שלמה. (אב).

ניטעלע: (פון הינטער די קולישען) שפרה'לע! זאלסט ניט פערגעסען צו כשרן די זילבערנע לעפעל און דעם זילבערנעם בעכער פאר אליהו הנביא'ס כוס (ערשיינט) עס איז שוין באלד 9 אזייגער און מיין זוהן איז נאך ניט אהיים געקומען, דער ערשטער פסח אין מיין לעבען, אז אהן מיין מאן און אהן מיין זוהן, זאל איך דעם סדר אבריכטען, אבער עס איז בעסער אזוי! איך האב איהם אומישטען פון דער היים אוועקגעשיקט, אפשר אין דער [illegible] וועט ער זיך ארויסשלאגען פון זיין קאפ די אלטע ליעבע און וועט אן איהר פערגעסען! איך האב איהר אריינגענומען אין מיין הויז אויס דאנקבארקייט, ווייל זי האט מיר מיין לעבען גערעטעט, אבער פיעל גליקליכער וואלט איך געוועזען ווען די רויבער וואלטען מיר דאן דערהרגעט איידער איך זאל דערלעבען מיין [illegible] מיט אזא בריה צו דער חופה צו פיהרען... ווער קומט דארט? אה, זי איז עס. הדסה, זי קומט שוין צוריק פון מארק מיט די איינקויפע אויף פסח. (אויפטריט הדסה מיט פעקלעך) איך האב שוין איבערגעטראכט, הדסה, דו האסט זיך צו לאנג געזאמט אויפן מארק.

הדסה: ערב פסח. די גאנצע וועלט געהט איינקויפען א [illegible] שווער די סוחרים גיך אבצופטרן די קונים, אבער עס שאדט ניט, איך ווייס אז עס איז ערב פסח און עס איז דא צו טהון אין הויז. אט בין איך שוין פארטיג און לאזט מיך אייך העלפען.

ניטעלע: מען דארף כשרן די זילבערנע כלים דאס קען מען די בעקעריונגען ניט געטרויען, איך וועל געהן שפרהלען דיר מיט זיי ארויסשיקען (אב).

הדסה: מיר קומט אויס ווי איך וואלט אין דעם הויז לעבעדיג בע־גראבען געווארען, די ערד דריקט מיך צו און איך בין ניט אים־שטאנדע זי פון מיר אראבצווארפען. איך וויל דאס הויז פערלא־זען איך וויל אוועק פון דאנען. איך וויל איהם מוחל זיין וואס ער האט מיר געטהון און איהם לאזען גליקליך זיין. אבער דאכט זיך מיר אז ער ליעבט מיך, און איצט מיט מיין פערלא־זען דאס הויז וועל איך איהם נאך מעהר אומגליקליך מאכען. איך מוז דא בלייבען אזוי ווי דער מת מוז בלייבען אין קבר אזוי ווי מען האט איהם אריינגעלייגט. (אויפטריט שפרה מיט טלבשה).

שפרה: גוט מארגען, הדסה! די מוהמע האט געזאגט איך זאל אייך געבען דאס זילבער צום כשרן.

הדסה: זהי אלט ביסטו שפרה'לע?

שפרה: מארגען ווער איך 17 יאהר!

הדסה: מארגען אם ערשטען טאג פסח (אפארט) אין איין טאג מיט מיין קינד געבוירען.

שפרה: פאר וואס זענט איהר אזוי טרויעריג? ערב פסח מוז מען פרעהליך זיין.

הדסה: האסט רעכט, איך וועל פרעהליך זיין! זעהסטו שפרה'לע גלייך ווי איך וואלט געוואוסט אז מארגען איז דיין געבורטסטאג. איך האב דיר געקויפט א שיינעם הוט אויף פסח, קום אהער לאמיך דיר אנמעסטען.

שפרה: איך דאנק אייך זעהר! איך בין איצט ניט אנגעטהון, וועט ער מיר ניט פאסען, איך וועל מיר שוין שפעטער אנמעסטען. (אפארט) איך וויל ניט אז זי זאל זעהען אז איך האב א קאליע איער (צו הדסה) איז דאס אמת אז נאך פסח ווילט איהר אונז פערלאזען?

הדסה: יא! נו וועסטו דען בענקען נאך מיר?

שפרה: זעהר שטארק, איך זאל מיך ניט שעהמען וואלט איך שוין געוויינט.

הדסה: האסט דאך ערשט געזאגט אז ערב פסח טאר מען ניט וויינען און טרויעריג זיין, און ביז נאך פסח וועט נאך גאט העלפען, אבער עס ווערט שפעט, וואו שטעהט דער קעסעל מיט הייס וואסער איך זאל דאס זילבער־געשיער כשרן.

שפרה: דארט אין קעלער נעבען באקאוויוועו.

הדסה: שפרה'לע! אז איך וועל צוריקקומען וועל איך דיר עפּיס וואס זאגען. (אב)

שפרה: איך ווארט דא אויף אייך!.. אוי איז זי מיר איינגעבאקען אין הארצען!.. איך האב זי אזוי ליעב אז איך וואלט פאר איהר מיין לעבען געגעבען. נור איין זאך פערדריסט מיר, וואס איהר מאמע האט ניט פיינט דעם טרונק; נור אז איך וויל צוריק רע־דען איז ער דען דער איינציגער וואס האט ליעב דעם טרונק? נעהמט אהן אלע נאציאנען — די פראנצויזען, די דייטשען, די רוסען, אלע האבען ליעב דעם טרונק (זינגט).

I.

א יעדער ווייס אז די פראנצויזען
טראגען לאנגע שמאלע הויזען,
האבען רויטע באקען ווי די רויזען

און זעהען אימער אויס גאַנץ שיין,
ווייל זיי זענען טיעף געזונקען
ליעבען זיי זיך מיט פאַרבען צו שמינקען
און שאַמפּאַניער פיעל צו טרינקען.
גנבים פון גרויס ביז קליין
זיי זאָגען ליגען, אום צו בעטריגען
און טהוען נאָך קריגען, דערפאַר אַלאַרבעערקראַנץ
דערפאר געהט ער אַוועק, [illegible]
אַ שיכור אָהן אַנ׳עק, און נעהט אין קלוב צו טאַנץ [illegible]
מוזיק שפּיעלט מארסעליעזע)

II.

אין דייטשלאַנד איז איבערהויפּט ניט גוט
ווייל אויף יעדען שריט און טריט
טרעפט איהר דאָרט אַ אַנטיסעמיט.
אין יעדעס הויז אין יעדען פלאַץ
ליגט עס מעהרער ניט אין זינען
ביער זאָל אין די גאַססען רינען
און ער זאָל אירגענד וואו געפינען
אַ דייטשקע וואָס זאָל זיין זיין שאַץ
זי מוז זיין אַ פעטע, ווייל ער ליעבט קיין נעטע
און זאָל הייסען יעטע, און זאָל איהם רופען, ליעבער [illegible]
דאַן נעהמט ער זיין שאַץ אין פעראיין
און דאָרט גיסט מען אריין
און מען נעהמט זיך ביידע צום טאַנץ. (טאַנצט, מוזיק [illegible]
אך דו מיין ליעבער אויגוסטין!..)

III.

נעהמט אין רוסלאַנד ניט אַ חאַפּ
דעם פראָסטען איינפאַכען קאַצאַפּ
און גיט זיין דופּק נאָר אַ טאַפּ,
וועט איהר זעהן ער איז ניט שלעכט.
מען דאַרף נאָר וויסען דאַן
ווי אַרום צו געהען מיט אַזאַ איוואַן
איז ער אַ בהמה וואָס קייט שטרוי
דאַן וועט איהר זעהן אַז איך האָב רעכט
זיין גאַנץ שטרעבען — און זיין לעבען
איז, מען זאָל איהם געבען, אַ גלעזעל שטאַרקען ראָם

און אַז דער עזעל, טרינקט נאָר אויס אַ גלעזעל
ווערט איהם רויט זיין נעזעל און שרייט: „קאַמאַרינסקאַיאַ פּאַראָוואַי“
(טאַנצט, מוזיק שפּיעלט קאמארינסקאיא).

IV.

געבענשט מיט צרות איז דער איד
אַ גאַנצע וואָך ווערט ער נישט מיעד
עס רוהט אין איהם קיין איינציג גליד
זיין זאָרג איז ווירקליך גרויס,
דערפאַר אַז ס׳קומט דער שבת
טהוט ער אויס די שקראַבעס
און וואַשט זיך אָב די לאַפּעס
און געהט זיך אַביסעל אויס,
אַ בילעט ביי׳ם קאַסירער בעט ער
אין טהעאַטער געהט ער
און דאָס נייע שטיק זעהט ער
און עס געפעהלט איהם שעהן
קומט ער אַ היים צו געהן
און שרייט עס איז געוועזן
אויסגעצייכענט שעהן
און שטעלט זיך אַנידער טאַנצען (טאַנצט, מוזיק, שפּיעלט אַ דריידעל, וויל אַב, אויפטריט שלמה מיט אַ פלאַש בראַנפען).

שלמה: (רופט איהר) פסט... פסט... שפרה׳לע!

שפרה: צו דיענען! גרויסער קעניג שלמה המלך! וואָס וויל דער קעניג בעפעהלען?

שלמה: היינט איז מיין טאָג, איך בין אַ בכור, קויף איך מיך אויס, דאַרף איך געבען לעקאַך און בראַנפען, אַז דו ווילסט קען איך דיך מכבד זיין.

שפרה: איך האָב שוין בודק חמץ געוועזן, איך קען מיר שוין ניט פאַרען מיט זויערטייג.

שלמה: אָבער דער חמץ איז דאָך נאָך ניט פערברענט, פאָלג וואָס שלמה׳לע קעניג זאָגט דיר, וואַרף ניט אַרויס דעם חמץ, איידער דו האָסט נאָך די מצות. דער גרויסער שלמה המלך האָט געזאָגט: „וטובים השנים מהאחד“ מאַכט די עברי טייטש ד׳רויף: קינדער דאַרפען ניט דרימלען ביי דער הגדה... שפרה׳לע! שוין אַ רעכטע צייט ווי דו שלאָפסט איין ביי מיין הגדה!..

שפרה: מיר דאַכט זיך אז דער קלײנער שלמה המלך איז אַביסעל שכור. אוי איך װעל דיך ניט מקנא זײַן אז די מוהמע װעט דיך דערזעהן שכור, דו װײסט אַז אַ שכור, אַ גנב און אַ קאָרטען־שפּילער טאָרען זיך ניט געפינען אין איהר הויז.

שלמה: פֿאַר װאָס־זשע האָט זי אַרײַנגענומען שלמה שיכור אין הויז?

שפרה: דו געמײנער בײגעל־בעקער דו האָסט דעם אַלטען ניט צו בעלײדיגען, האָסט איהם שוין געזעהן שיכור זײַט ער איז בײַ אונז? ער האָט געשװאָרען אין שוהל פֿאַר אַ מנין מענשען אַז ער װעט ניט טרינקען און ער טרינקט ניט.

שלמה: אויב עס געהט דיר אין דער שבועה, װעל איך דיר אויך שװערען. נור זײַ ניט אַזוי אין כעס אויף מיר... אָט קומט דער אַלטער, ער זאָל מיך ניט װעלען בײַ דער מוהמען פֿערקלאָגען אַז ער האָט מיך געזעהן שכור!.. (אויפּטריט גאָרגעל).

גאָרגעל: יאָ, יאָ, שלמה׳לה! אַ שכור איז ערגער װי אַ דבר אחר. אַ דבר אחר הײבט זיך אויף פֿון דער בלאָטע און אַ שכור פֿאַלט אַרײַן אין דער בלאָטע.

שלמה: אָבער איהר זענט דאָך ניט אַ שומר פֿון „דברים אחרים“!.. איהר װעט אַ װדאַי די בע״הב׳טע ניט דערצעהלען אַז איהר האָט מיך געזעהן שכור?

גאָרגעל: אַז זי װעט מיך ניט פֿרעגען!

שלמה: אָבער אַז זי װעט אײַך יאָ פֿרעגען?

גאָרגעל: װעל איך אַ װדאַי ז׳עם אמת זאָגען!

שלמה: נו און עס װעט אײַך גאָר ניט אַרען אַז זי װעט מיך אום ערב פּסח אַרויסװאַרפֿען און איך װעל בלײַבען אָהן דעם סדר אָבגערעכט?

גאָרגעל: אַז דו האָסט דאָס געװוּסט, װער האָט דיך געהײסען טרינקען?

שלמה: דאָס איז ניט קײן פּראָסטער בראַנפֿען, דאָס איז אַלטע סליװאָטשניק און דעם סליװאָטשניק האָט נאָך שלמה המלך געטרונקען װען דער אַשמדאַי האָט איהם אויסגעשפּיגען, און װיעדער בין איך אַ בכור און מיט דעם סליװאָטשניק האָב איך מיך הײַנט אויסגעקויפֿט (לאָזט די פלאַש) שפּרה׳לע, איך װעל דיר עפּיס זאָגען (זאָגט איהר אַ סוד) קום װעל איך דיר װײַזען װי די בעקעריונגען זענען טוירדט שכור. (אָב)

שפרה: איך װעל אומישנע זעהען. (אָב)

גאָרגעל: (נאָך פּויזע) ער האָט די פֿלאַש איבערגעלאָזט!.. אוי! װאָש איך זאָל קענען חאָטש אײן לעק טהון פֿון דער פֿלאַש!.. עס איז אַלטער סליװאָטשניק האָט ער געזאָגט!.. אָבער איך טהוע עס

ניט פֿאַר אַלס אין דער װעלט, חאָטש איך בין דאָך אויך אַ בכור און איך דאַרף מיך אויסלײזען, אָבער איך האָב געשװאָרען קײן בראַנפֿען מעהר צו טרינקען!.. פֿאַר װאָס אָבער האָט דער שײגעץ מיך אַלײן איבערגעלאָזט מיט דעם סמ?.. אָבער נײן!.. מײַן הדסה האָב איך געשװאָרען!.. שטן!.. מעגסט הײסען סליװאָטשניק אָדער פּראָסטער בראַנפֿען, דו װעסט מיך ניט פֿערפֿיהרען, אַװעק פֿון מײַנע אויגען!.. (װאַרפֿט אָב די פֿלאַש, אויפּטריט שלמה חויבט אויף די פֿלאַש).

שלמה: װאָס האָט איהר מײַן סליװאָטשניק אַװעק געװאָרפֿען?

גאָרגעל: האָט דער שטן נאָך ניט צעבראָכען דעם האַלדז?!.

שלמה: חי! עס האָט זיך אַפּילו אַביסעל אויסגעגאָסען עס איז אָבער נאָך דאָ גענוג!

גאָרגעל: דאָס איז אַ שפּיצעל פֿון יצר הרע!

שלמה: אָבער ער איז אין גאַנצען אויסגעװעבט געװאָרען, קלײנע קינדער מעגען איהם אַצונד טרינקען... איך װעל פֿערזוכען! (טרינקט) חלעבען, רײַן װאַסער! ר׳ גאָרגעל! חלעבען טהוט אַ טרונק אויף מיר די עבירה.

גאָרגעל: נײַן, יצר הרע מעגסט זיך פֿאַרשטעלען פֿאַר אַ בעקעריונג, גאָרגלען קריגסט ניט אַרײַן!

שלמה: ר׳ גאָרגעל איהר מעגט טרינקען! לחיים! גאָט זאָל געבען אײַער טאָכטער הדסה זאָל מיט איהר מאַן נאָך גליקליך זײַן! איך װיל זעהען צו איהר װעט זײַן אַזאַ שלעכטער טאַטע?!.

גאָרגעל: פֿון הדסה׳ס װעגען? אַ יאָ, איך טרינק לחיים! אָבער נאָר אײן טראָפּען. לחיים, הדסה זאָל גליקליך זײַן!.. (טרינקט) און נאָך אײן טראָפּען פֿאַר גיטעלעס װעגען!.. לחיים, גיטעלע זאָל אַ שיבה טובה האָבען!.. (טרינקט).

שלמה: אַבי ער האָט נאָר פֿערזוכט װעט עס שוין געהן, איך װעל זעהען צו װעט ער מיך נאָך פֿאַרמסר׳ן קענען (לעקט) אַ מחיה ער איז שװאַך װי װאַסער איהר מעגט נאָך אײנס טרינקען פֿון שפּרה׳לעס װעגען.

גאָרגעל: פֿון שפּרה׳לעס װעגען, טרינק איך 2 מאָל לחיים, זי איז אַ טהײַער קינד! לחיים, שפּרה׳לע זאָל לעבען!..

שלמה: נו, און פֿאַר מײַנעט װעגען גאָר ניט?!.

גאָרגעל: יאַ. לחיים פֿאַר דײַנעט װעגען — נו און איצט פֿאַר מײַנעט װעגען און פֿאַר אַלע יודעלעך!.. לחיים, אַלע יודען זאָלען לעבען!.. (ער טרינקט אויס ביז׳ן דעק, אויפּטריט בעקעריונגען, באַר).

שלמה: מײַנע טהײַערע פֿרײַנד!.. הײַנט װײַל איך בין אַ בכור מוז געטרונקען װערען!

איינער: צו ערסט מוז דער חמץ פערברענט ווערען די בע״ב׳טע וועט שרייען, עס איז שוין שפעט.

שלמה: קינדער! איך לייג פאר, אזוי ווי פסח איז אבעקערישער יום טוב אגאנץ יאהר ליגען מיר אין דער ראסטשינע, זאלען מיר דעם חמץ פערברענען מיט געזאנג און טאנץ!..

גארגעל: (שיכור) ווען די יודען פלעגען אין בית המקדש דעם חמץ פערברענען... פלעגען די לוים דערביי שפיעלען און זינגען און דאס פאלק האט געטאנצט...

אלע: ר׳ גארגעל האט רעכט! וואו איז די פידעל?

שפרה: (דערלאנגט די פידעל) אט איז די פידעל! די מוהמע האט געהייסען די פידעל בעהאלטען צווישען חמץ!..

שלמה: פונקט גוט! דא האט איהר אייער פידעל און שפילט אונס עפיס אגוט שטיקעל.

שפרה: (בעטראכט גארגלען) וואס איז דאס? די מוהמע קומט באלד פון דער גאס וועט זיך טהון חושך!

גארגעל: מיין פידעל איז ביי מיר, וואס האב איך מורא?!.. זי האט מיך געשפייזט 17 יאהר און וועט מיך אויף דער עלטער אויך ניט פערלאזען... איך וויל אזוי לאנג שפיעלען ביז דער מלאך המות וועט די לעבענס-טענער איבעררייסען!..

אלע: אנגעפאנגען!

גארגעל: איך וועל מאכען די ברכה על ביעור חמץ נאך דעם חמץ פערברענען.

אלע: גארגעל האט רעכט!

גארגעל: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל בִּיעוּר חָמֵץ! (מען מאכט פייער).

כאר: מיר אלע זענען געקומען פערברענען
דער חמץ פון אגאנץ יאהר
פאר אונזער פראצע, ווילען מיר מצה,
עסען ווי די קעניגע נאר
(ב״ס)

גארגעל: מיינע פריינדע איין זאך ווייס איך
האט געזאגט ישעיהו בן אמוץ,
אזוי ווי עס קומט ערב פסח
איז א מצוה צו פערברענען דעם חמץ

כאר: ברענט קינדערלעך ברענט!... אלעס וואס איהר קענט
מיר אלע זענען א. ז. וו.

שפרה: מענשען פוסטע בעלי טובות
וואס זיי צאהלען ניט קיין חובות

און זיי לעבען פון גניבות
לייגט זיי אויפ׳ן פייער!
אלע מיאוס׳ע פוסטע מיידען,
וועלכע ווילען זיך אריינריידען
אז זיי זענען געליעבט פון יעדען
לייגט זיי אויפ׳ן פייער.

כאר: ברענט קינדערלעך ברענט א. ז. וו.

שלמה: מענשען שטילינקע צבועקעס
וועלכע עסען תמיד ראקעס
און א נדבה גיעבען זיי מכות
לייגט זיי אויפ׳ן פייער.
ווייבלעך וואס זיי ליגט אין זינען
א געליעבטען צו געפינען,
און דעם מאן פערלאזען אין מיטען דר׳אינען
לייגט זיי אויפ׳ן פייער

כאר: ברענט קינדערלעך ברענט א. ז. וו. (טאנץ, אויפטריט גיטעלע, טאנצען מיט איהר).

גיטעלע: גאט אין זיעבענטען הימעל זאל זיך איבער אונס ערבא-רעמען וואס איז ביי מיר אקרעטשמע?! אדער אדולהויז?! הולטאיעס!.. שקצים!.. (אלע אב אויסער גארגעל).

גארגעל: (שיכור) לוסטיג פרעהליך יודען! הייבט פים דאס איז א אלטער מנהג ווייס איך אז דער מלך בן אמוץ ווען עס איז געקומען ערב פסח האט ער געטאנצט ביים ביעור חמץ...

גיטעלע: וואס איז דאס פאר א חוצפה, אין מיין הויז?!

גארגעל: אז איהר געפעלט ניט אין איהר הויז וואס גאט איז גע-פעלען אין זיין הויז, אזוי מעג זי ארויס געהן!.. היינט איז ערב פסח, היינט זענען יודען געווארען פרייע מענשען איך וויל אויך פריי זיין... פריי ווי א פויגעל אין וואסער און ווי א פיש אין דער לופט!.. מרים האט געשפיעלט אויף א פויק ווען די יודען זענען ארויס פון מצרים איך וועל שפיעלען אויף מיין פידעלע מיט הגדה ניגון, וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח.

גיטעלע: איהר שיכור! איהר פאלשער שבועה׳ניק! ארויס פון מיין שטוב!.. (אויפטריט הדסה)

גארגעל: דו אלטע זויערטייג! אלטער חמץ! דו מוסט פערברענט ווערען!

הדסה: גיטעלע!.. טהייערע!.. הערט איהם ניט!.. איך קען שווערען מען האט איהם פערפיהרט, זיי האבען אלע געטרונקען! טאטע-ניו! וואס האסטו געטהון?!..

גארגעל: וואס האב איך געטהון? א טרונק בראנפען!.. נײן סליוואטשניק!

גיטעלע: איך וויל פון גאר ניט וויסען, ער טאר אין מײן שטוב מעהר ניט זײן, גארגעל! אײער פיערעל האט איהר מיט אײך, אײער פעקיל זאלט איהר תיכף בעקומען און מײן הויז מוזט איהר שוין פערלאזען! איך וויל אלסדינג טהון פון אײערטוועגען, אײך אונטערשטיצען צוליעב אײער קינד, אבער בײ מיר אין הויז טארט איהר מעהר ניט זײן;

גארגעל: פרעה מלך מצרים האט אויך משה רבינו געשיקט רופען אום ערב פסח און האט איהם געהײסען זיך ארויסציהען פון זײן לאנד, די יודען זענען זיך ארויסגעגאנגען און פרעה איז דערטרונקען געווארען אין ים, אויך איהר!..

הדסה: טאטע, פאר וואס האסטו אונז אונגליקליך געמאכט?.. (וויינט)

גארגעל: הא! מײן קינד ווײנט? הדסה, האסט רעכט!.. זײ געזונד!.. איך געה אלײן אין ים ארײן, דו בלײב דא אויף דער יבשה (וויינט).

הדסה: נײן טאטע, אין דײן אונגליק בין איך שולדיג! דורך מיר ביסטו געווארען דאס, וואס דו ביסט הײנט.

גיטעלע: הדסה, בלײב דו בײ מיר ווי איך האב מײן זוהן צו געזאגט. איהר ר' שלמה מוסט געהן, ווער עס שווערט פאלש און שיכורט זיך אן אין א פרעמד הויז, דער איז ערגער ווי אײנער וואס זיצט אין קרימענאל, געהט!

הדסה: טאטע, דאנק די גוטע פרוי פאר איהר גוטס, קום מיר געהען (ביידע אב אויפטריט משולם).

משולם: איז הדסה אין איהר צימער?

גיטעלע: זי איז ערשט דא געווען, זי איז מן הסתם אין שטוב.

משולם: אזוי לאז מיך צו איהר גיך ארײן געהען.

גיטעלע: נאך אײדער דו האסט דײן מאמען בעגריסט?!

משולם: זײ מיר מוחל מאמע. וואס מאכסטו? וואס מאכט הדסה?

גיטעלע: אהן דיר וואלטען מיר געהאט א טרויעריגען פסח.

משולם: און הדסה וואלט געוויס אויך ניט פרעהליך געוועזען! מאמע איך זאג דיר, עס האט אפיבער געברענט אין מײן ברוסט נאך איהר, איך האב מיך ניט געקענט צוריקהאלטען; איבער טהאל, איבער בערג האט עס מיך צו איהר געצוינגען, יעדען טאג וואס איך בין געוועזען פון איהר דער ווײטערט, האט זיך מיר אויסגעוויזען א יאהר, אבער גאט זײ דאנק איך בין שוין

אין דער הײם און איך וועל הדסה זעהען (וויל געהען).

גיטעלע: האסט מיר גאר קײן נײעס געבראכט פון אונזער משפחה? פון די מומע לאה, פון דעם פעטער פנחס? וואס טהוט אונזער שוועסטערקינד שרה'לע, איז זי אזוי שײן ווי זי איז געוועזען?

משולם: א־ע לעבען, אלע זענען גליקליך! שפעטער וועל איך דיר פאדראבנע ערצעהלען, אבער איצט לאז מיך איך וויל הדסה'ן זעהן, דו ווײסט ניט ווי ליעב איך האב איהר! מאמע, האט זי אין דײנע אויגען חן געפונען? איז דיר איהר כאראקטער געפעלען? געוויס יא! איך ווײס אז זי לײדעט דורך מיר און איך וויל צו איהרע לײדען אסוף מאכען.

גיטעלע: אבער אן דײן מאמען ווערסטו אויך ניט פערגעסען, מײנע לײדען ווערסטו אויך ניט פערמעהרען?

משולם: יעדעס קינד מוז אמאל די מאמען פערלאזען, וואס איז? עפיס ביסטו מיר זעהר צוטראגען, מאמע איך האב מיך געגען דיר גאר ניט פערזינדיגט.

גיטעלע: איך וויל דיר עפיס זאגען, זי איז איצט זעהר צוטראגען זי וויל מיט איהר טאטען, דעם שיכור, אונזער הויז ערב פסח פערלאזען.

משולם: איך בין ניט געקומען מיט איהר טאטען חתונה האבען און ווען זי וויל מיט איהר טאטען אונזער הויז פערלאזען אזוי טהוט זי עס צו דער צײט, ווײל איך וויל מיט איהר חתונה האבען און אשוויגער מיט אשנור קענען זעהר זעלטען צו זאמען וואהנען.

גיטעלע: איך האב אלם מוטער אלסדינג געטהון, איך קען ווײטער נישט העלפען. אט קומט זי מיט איהר טאטען דער שיכור ארוים, נאט שטארק מײן געדולד. (אב, הדסה ארעם מיט א פעקעל).

משולם: (לויפט איהר אקעגען) הדסה! מײן טהײערע וואס טהוסטו?

הדסה: דו ביסט שוין געקומען?

משולם: וואס איז דאס!? אזוי ארעם געקלײדעט? מיט א פעקעל אין דער האנד?

הדסה: אזוי זענען די יודען ארויסגעגאנגען פון מצרים פון פרעה'ס הויז.

משולם: איז מײן מאמעס הויז פאר דיר געוועזען גלות מצרים?

הדסה: האסטו מײן בילד אין דײן הארץ שענער געזעהען ווי איך זעה יעצט אוים אין דער ווירקליכקײט?!

משולם: די קלײדער מאכען ניט דעם מענשען איך קען דײן גוט הארץ און דאס איז קײנמאל פון מײנע אויגען פערשוואונדען.

הדסה: איז דיר אויך מײַנע פֿערגאַנגענהײט שטענדיג פֿאַר דײַנע אויגען געװעזען?

משולם: װאָס געהט אונס אָן װאָס אַמאָל איז געװעזען, מיר לעבען איצט, מיר װעלען װײַטער לעבען, דער הײַנט און דער מאָרגען זאָל אונזער לעבען זײַן, דער נעכטיגער טאָג איז בעגראָבען געװאָרען װי די זון איז אונטערגעגאַנגען.

הדסה: װי איז אָבער אַז דו װעסט געװאָהר װערען אַז אין דעם קבר ליגט בעגראָבען אַזאַ קראַנקהײט װאָס קען יעדען טאָג ערשײַנען אין דיך פֿערגיפֿטען?!

משולם: איך פֿערשטעה דיך ניט!

הדסה: האָסטו שױן ערפֿאַהרען אַלס װאָס מיט מיר האָט זיך געטראָפֿען אין די 17 יאָהר װאָס איך האָב דיר אױסגעפֿעהלט.

משולם: איך װײס דו ביסט געװעזען אָרעם און עלענד, דאָס איז קײן בושה און איך װײס אַז איך בין שולדיג געװעזען אין דײַן עלענד.

הדסה: מעהר װי דאָס איז דיר ניט בעקאַנט?

משולם: נײן! אָבער איך בין גאַנץ זיכער אַז מײַן הדסה איז קײן שלעכטס בעגאַנגען... הדסה דו ציטערסט!.. (אויפֿשטריט, זשאַנדאַר, שלמה, שפרה, גיטעלע).

זשאַנדאַר: הדסה גאָרגעל! איהר זײַט אײַנגעלאַדען אויף מאָרגען אין קרימינאַל-געריכט צו ערשײַנען.

הדסה: איך בין בעריײט! איך בין צוריק די נומער 49 טהוט מיט מיר װאָס איהר װילט!

גיטעלע: מײַן הארץ האָט מיר אָבער געזאָגט, משולם געה אַװעק פֿון איהר! דו מוזט איהר פֿערלאָזען! זי איז אַפֿערברעכערין.

משולם: מאַמע װאָס זאָגסטו? דו ציטערסט!

הדסה: אמת דײַן מאַמע זאָגט קײן ליגען, איך בין 17 יאָהר אין קרימינאַל געזעסען אַלס קינדערמערערין.

גיטעלע: דאָ שטעהט פֿאַר דיר אַקינדערמערדערין װאָס איז געװעזען 17 יאָהר אין קרימענאַל װײַל זי האָט איהר אין דײַן קינד ערמאָרדעט, אַמערדערען אַקרימענאַלניצע האָב איך אין מײַן שטוב געהאַלטען, מיט אַ אַלטען שיכור!

משולם: הדסה! קוק ניט װאָס עס איז מײַן מאַמע, זאָג איהר אין די אויגען אַז ס'איז ניט אמת איך װעל דיר גלויבען.

הדסה: יאָ! עס איז אמת!

גיטעלע: דאָ איז אַפּאַפּיער פֿון קרימענאַל געריכט װאָס מען רופֿט איהר מאָרגען צו אַ פּראָצעס... גיטעלע האָט זיך שײַן ערלעבט. (װײנט)

משולם: הדסה, זאָג ביסטו שולדיג?

הדסה: דאָס װעט דיר דער נײַער פּראָצעס מאָרגען זאָגען, טר דאָס אײנע מוז איך זאָגען אַז אַמאַמע װעלכע עס גלויבט אַז אַמאַמע קען איהר אײגען קינד ערמאָרדען מוז אַלײן קײן מאַמע נישט זײַן. (אויפֿטריט גאָרגעל).

גאָרגעל: זײַט מיר מוחל איך האָב מיר פֿערשפּעטיגט װײַל איך האָב מיך געמוזט זעגנען מיט דער גוטער שפרה'לען, קום לאָמיר געהן.

גיטעלע: איהר געהט שױן ניט, מען װעט אײַך שױן פֿיהרען, זעהט װער עס איז דאָ!

שפרה: טהײַערע הדסה פֿאַרלאָזט אונז ניט.

משולם: געה הדסה איך װעל דיר ניט פֿערלאָזען

גיטעלע: אויך איך װעל טהון װאָס עס װעט זײַן אין מײַנע קרעפֿטען!

הדסה: לעבט װאָהל (געזעגענט זיך מיט שפרה) זײַ געזונד מײַן טהײַער קינד! (אַלע װײנען, פּאָזיציאָן).

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט).

פיערטער אקט.

(צימער ביי הדסה. גאָרגעל זינגט מיט משוררים).

גאָרגעל: נו חזן, װי איז אײַך געפֿעלען די קאָמפּאָזיציאָן?! איך מײן אַז אַזאַ „אתה זוכר" האָט איהר נאָך ניט געהערט, איך זאָג אײַך אַז איהר װעט מיט דעם „אתה זוכר" אין אײַער בית המדרש אויפֿטרעטען װעלען די בעלי בתים לעקען די פֿינגער, נור איהר מוזט מיר גוט בעצאָהלען!

חזן: ר' שלמה, 30 גולדען איז גאָר קײן געלד ניט, אָט האָט איהר שױן אײַער געלד (גיט איהם) נור איך װעל אײַך בעטען איהר זאָלט מיר נאָך עטליכע אַזױנע זאַכען מאַכען, איך װעל אײַך צאָהלען װיפֿיעל איהר װעט אַלײן װעלען, אַבי מאַכט מיר פֿאַרטיג.

גאָרגעל: ביי מיר איז דער עיקר מזומן, נאָטען שרײַב איך װיפֿיעל איהר װילט.

חזן: ר' שלמה! איהר זאָלט מיר לעבען, זײַט מיר מוחל װאָס איך װעל אײַך פֿרעגען — װאָס איז געװאָרען דער סוף פֿון אײַער טאָכטער'ס פּראָצעס?

גאָרגעל: װײס איך װאָס עס איז געװעזען, ניט מעהר װי אַ קינדער

שפּיעל, דאָס געריכט האָט פֿערלאַנגט עס זאָל זײַן נאָך אַ פּראָ-
צעס עס האָט זיך בעשײַנפּערליך אַרויסגעוויזען אַז מײַן טאָכטער'ס
קינד האָט מען לעבעדיגערהײַד אַוועקגעגנבה'ט און איהר האָט
מען אַ טויט קינד אונטערגעוואָרפֿען.

חזן: נו, און דער הולטאַי, דער בעקעריגס זונדעל מײַן איך, וואָס
טהוט ער איצט? מיר איז אַ חידוש וואָס ער בעט זיך מיט אײַער
טאָכטער נים איבער!

גארגעל: עס זאָל זיך ווענדען אין איהם און אין זײַן מאַמען, וואָלט
ער שוין לאַנג מיט מײַן טאָכטער חתונה געהאַט, מײַן הדסה זאָל
לעבען זאָגט אָבער גאַנץ אײַנפֿאַך, ביז זי וועט נישט געפֿינען
איהר קינד וויל זי נים מיט איהם חתונה האָבען.

חזן: יאָ, אָבער לעבען!? אַ מענש מוז דאָך האָבען פֿון וואַנען צו-
לעבען?

גארגעל: איהר זעהט דאָך פֿון וואַנען מיר לעבען, איך לעב פֿון
מײַנע זאַכען, און מײַן טאָכטער לעבט פֿון איהרע זאַכען, זי
מאַכט שטיקערײַ.

חזן: וואו האָט זי דאָס געלערנט? איך בעט אײַך?

גארגעל: איהר זענט דאָך אַ הײַמישער, מעגט איהר עס וויסען, אין
די 17 יאָהר וואָס זי איז אונשולדיג געזעסען, האָט זי די מלאכה
געלערנט, אַז איהר ווילט וועל איך אײַך אַרײַנברענגען אַ שטיקעל
פֿון איהר אַרבײַט. וואַרט דאָ אוים אַ מינוט (אַב).

חזן: חאַ, חאַ, חאַ! גאַרגעל מײַנט אַז זײַנע קאָמפּאָזיציעס האָבען
עפּים אַ ווערטה, אָדער זײַן טאָכטערס אַרבײַט, דאָס גיט מיר די
בעקערין געלד איך זאָל בײַ איהם די קאָמפּאָזיציעס אָבקויפֿען, זי
הײַצט מיט זײַ אײַן די אויוועגס און איך מאַך דערבײַ אַ פּאָר
גילדען און מסתמא קויפֿט זי די טאָכטערס שטיקערײַ אויך, נור
וואָס געהט עס מיך אָן? איך בין נים מעהר ווי אַ גוטער שליח,
אָה, ער קומט! (אויפֿטריט גאָרגעל מיט שטיקערײַ)

גארגעל: איהר זעהט? דאָ האָט זי אויסגעשטיקט אַ פֿויגעל פֿון
ירושלים, עס האָט בײַ איהר געדויערט 8 טעג, זי וועט
בעקומען דערפֿאַר זיבער 10 אָדער 12 גולדען, נו וואָס פֿעהלט
אונז?!

חזן: האָט איהר געהערט אַז די בעקערין געהט חתונה מאַכען דעם
זוהן מיט דער מײדעל שפּרה'לע, וואָס זי האַלט בײַ זיך?

גארגעל: יאַ איך האָב געהערט! מײַן הדסה האָט צוזאַמענגעקליבען
אַ פּאָר גולדען און וויל דער כלה קויפֿען אַ פּאָר אוירינגלעך
דרשה געשאַנק, זי האָט דאָס מײדעל זעהר ליעב.

חזן: נו, און איהר וועט געהן אויף דער חתונה?

גארגעל: פֿאַר וואָס נים?

חזן: וועלען מיר זיך אויף דער חתונה זעהען, אַ גוטען טאָג! וועהט
נאָר ר' שלמה מאַכט מיר עפּים נײַע קאָמפּאָזיציעס (אָב מיט די
משוררים).

גארגעל: ווען איך בין געוועזען חזן, בין איך געוועזען אַ דראָנג, און
איצט לעקט מען נאָר די פֿינגער פֿון מײַנע זאַכען, וואויל איז
דעם מענשען וואָס בעגליקט איהם אויף דער עלטער, דאָס האָב
איך צו פֿערדאַנקען וואָס איך האָב אויפֿגעהערט צו טרינקען,
פּשוט דער קאָפּ איז מיר פֿרײַ. (אויפֿטריט הדסה)

הדסה: אַ גוטען אָבענד טאַטע, 16 גולדען האָב איך גענומען פֿאַר
די שטיקערײַ.

גארגעל: און איך האָב דאָ גענומען 30 גולדען פֿאַר מײַן אַתּה זוכר,
געלויבט איז השי"ת אַז מיר דאַרפֿען צו דער בעקערין נישט
אָנקומען.

הדסה: טאַטע, איך וויל דיר עפּים זאָגען וואָס עס וועט דיך איבער-
ראַשען, געהענדיג אַהער האָב איך בעגעגענט אַ שליח פֿון משולם'ן
און ער האָט מיר געזאָגט אַז משולם וועט דאָ באַלד זײַן, ער
וויל מיט מיר עפּים רעדען.

גארגעל: ער וויל אונז אַ נדאי בעטען אויף דער חתונה, נו, נו עס
מאַכט נישט אוים. איך וויל אַהין געהן אין צווייטען חדר דער-
ווײַל מאַכען אַ פּאָר קאָמפּאָזיציעס. (אַב)

הדסה: גאָט ווייסט דעם אמת איך וואָלט עס איהם נישט ערלויבט,
נור דאָס רחמנות אויף איהם איז אין מיר נאָך נישט אָבגעשטאָרבען
איבערהויפּט נאָך יעצט אַז גאָט האָט מיר געהאָלפֿען, מײַן אונשולד
איז קלאָר בעוויזען געוואָרען, און די האָפֿנונג מײַן קינד נאָך
לעבענדיג צו געפֿינען די מאַכט מיך גליקליך. (זינגט)

ווי גליקליך בין איך אַ צינד
יאָ גליקליך גאָר אָהן אַ שיעור,
רײַן בין איך פֿון יעדער זינד
ווער קען דען גאָר פֿיהלען יעצט
וואָס עס געהט פֿאָר אין מײַן הערצען בײַ מיר.
אײַנזאַם פֿון אַ יעדען
בין איך געוועזען אַ צײַט גאָר
נישט געוואוסט פֿון קײן פֿרײדען
גאַנצע 17 פֿינסטערע יאָהר.
ווי גרוים איז געוועזען מײַן זינד
וואָס איך האָב חדך געלעבט
ערמאָרדעט האָב איך מײַן אײנציג קינד,
און איך אַלײן האָב דאָס געגלויבט.

נור יעצט האָב איך די פרייִדע ערלעבט
דאָס מיין קינד לעבט
ווי גליקליך בין איך אַ ציִנד
צו זיין אַ מוטער פון אַ קינד. (ב״פ)

יעצט מיין ליעבער מאַן וועל איך ניט רוהען
זוכען מיין איינציג קינד
דען צוזאַמען, קענען מיר ניט זיין אַ ציִנד!
יאַ, יאַ, יאַ, יאַ, מיינע האָפנונג איז נאָך ניט פערשוואונדען
און מיין לעבען לאַנג וועל איך מיין קינד זוכען,
יאַ, יאַ, יאַ, מיין קינד לעבט
יאַ, יאַ, יאַ, מיין קינד לעבט אַ ציִנד
העלף מיר גרויסער גאָט אין מיין נויטה! (אויפטריט משולם)

הדסה: נו וואָס ביסטו אַזוי געבליעבען שטעהן? איך האָב דיר איינמאָל געזאָגט, איך האָב צו דיר גאָר נישט, איך האָב דיר אַלסדינג פערציהעט!

משולם: איך דאַנק דיר דאַפיר הדסה! איך קען דיין הארץ איך ווייס וואָס פאַר אַ שאַטץ איך פערליר, נור ניין! די ליעבע צו דיר קען איך אויס מיין הארץ ניט אַרויסרייסען.

הדסה: פערגעס אָן מיר! זוך אונזער קינד צו געפינען, וועסט דו קענען פאַררעכטען דאָס וואָס דו האָסט געגען מיר פערבראָכען, איך בין זיכער אַז אונזער קינד לעבט ערגעץ.

משולם: איך בין מודה, זעהר גרויס איז געוועזען מיין פערברעכען געגען דיר, אָבער איך בעט דיך, נאָך איז צייט זאָלסט זיך איבער מיר ערבאַרמען, די מאַמע צווינגט מיך איך זאָל מיך פערשלייערען זי מיינט דערמיט וועט זי די לייטען די מויל פערשטאָפען, זי וויל מיך און דאָס יונגע קינד אויפס נייע עלענד מאַכען, אָבער די גאַנצע וועלט געהט מיך ניט אָן, ווען דו זאָלסט מיר נור זאָגען „משולם איך קען דיך נאָך ליעב האָבען“! הדסה! קוק מיך נישט אָן מיט אַ בייזען בליק וואָס בעשטראָפט און פערניכטעט מיך, דרעה דיך נישט אַוועק פון מיר, קוק מיך אָן מיט רחמנות, האָב מיטלייד אויף דעם צובראָכענעם זינדער.

הדסה: מיין ליעבע איז טוידט אַזוי לאַנג מיין קינד איז טוידט פאַר מיר. געה צו דיין מאַמען, האָב חתונה מיט דער וואָס זי ניט דיר, אַזוי גוט ווי דו האָסט פערלאָזט די וואָס דיין טאַטע האָט דיר געהייסען, מעהר קען איך דיר נישט העלפען.

משולם: ניין הדסה! דו קענסט מיר העלפען, גיעב מיר דיינע ליעבע צוריק.

הדסה: וואָס טויג דיר די ליעבע פון אַ אַלטע קרימענאַלניצע פון

אַ אָרעמער נאַסענזענגערין, פון אַ שיכורים אַ טאָכטער? און ווידער דיין ווייב הדסה קען דיך נאָך אָפשר ליעב האָבען, די מוטער הדסה, אָבער מוז דיך פעראַכטען.

משולם: הער אויס הדסה! איך האָב יעצט איין ברירה ענטוועדער צו געהען חתונה האָבען מיט שפרה׳לען אָדער זעהן ווי מיין מאַמע שטאַרבט דורך איהר אייגענע האַנד, דען מיין מאַמע האָט געשוואָרען איינפאַלס איך וועל ניט חתונה האָבען מיט שפרה׳לען וועט זי זיך דאָס לעבען נעהמען און איך וויל פון ביידעס אויסקלויבען אַליין צו שטאַרבען!..

הדסה: משולם! די האַנד און דער האַלז זענען 2 גוטע ברידער, זיי טהוען זיך איינס דאָס אַנדערע קיין שלעכטס ניט, איך גלויב ניט אַז אַמענש זאָל זיך אַליין דאָס לעבען נעהמען, סיידען ער איז משוגע און דאָס גאָט זיי דאַנק זענט איהר נאָך ביידע נישט, געה האָב חתונה און גענוג איך האָב קיין צייט ניט צו דענקען וועגען חתונה האָבען, צו ערשט מוז איך זוכען מיין קינד צו געפינען.

משולם: האָסט רעכט הדסה! צו ערשט מוזען מיר זוכען אונזער קינד צו געפינען, איך וועל מיין לעבען מקריב זיין דאַפיר! אָבער קענסט דו מיר נישט זאָגען עפּיס סמנים? איך קען דאָך ניט זוכען סתם אין דער וועלט אַריין אַ קינד!

חדסה: דאָס קינד האָט מרים געהייסען, געהאַט האָט זי שוואַרצע האָר און ביים רעכטען אויער האָט איהר דאָס לעפעלע געפעלט.

משולם: האַ?! ביים רעכטען אויער האָט איהר דאָס לעפעלע געפעלט?!.. הדסה! אונזער קינד!.. (אפארט) ניין, ניין!. איך טאָר איהר דאָס ניט זאָגען... הדסה! איך שווער דיר אַז ביז 24 שעה זאָלסטו אונזער קינד ביי דיר האָבען, זיי געזונד (אָב אויפטריט גאָרנעל).

גאָרנעל: דו ביסט ווערטה איך זאָל דיר אַ קוש געבען, ווען מרים הנביאה האָט גענומען דעם פויק אין האַנד האָט זי די יודען ניט אַזוי צוגעקלאַפּט צום טאַקט ווי דו האָסט איהם צוגעקלאַפּט, ער האָט עס עהרליך פערדיענט.

הדסה: איצט טאַטע טהו דיך שעהן אָן און לאָמיר געהן צו אונזער פריינדין אויף חתונה.

גאָרנעל: ווען איך זאָל אפילו וויסען אַז מיר וועלען האָבען אַ עליה צו ביי דער אַלטער צו ביי איהם, געהן מוזען מיר! קום טאָכטער! (אָב)

פערוואַנדלונג.

(זאל ביי גיטעלען)

שפרה: פאר וואס מומעניו אזוי שפעט ?!..

גיטעלע: פון היינט אן מיין קינד זאלסטו מיך שוין רופען מאמע אדער שוויגער. מיינע ליעבע געסט זאלען מיר מוחל זיין וואס איך האב מיך פערשפעטיגט, ווייל איך האב נאך פיעל געהאט צו בעזארגען.

שלמה: אוודאי! אז מען איז א מחותן פון ביידע צדדים, קען מען זיך ניט צורייסען, ווען שפרה׳לע זאל אבער חתונה האבען מיט איינעם פון אונזערע און אייער זוהן מיט איינער פון זייניגע וואלט איהר ניט בעדארפט אזוי ארום טאנצען, נאר דאס הערץ איז מיר נאך גרינג, איך זעה נאך נישט דעם חתן אין דעם הויז.

גיטעלע: זיי נאר ניט קיין שיינעץ.

שלמה: איך מוז זיין! ווייל שפרה׳לע איז מיינע געווען און איהר האט איהר פון מיינע הענד ארויסגעריסען.

גיטעלע: דאס הייסט צופיעל חוצפה!

שלמה: דאס הייסט נאך צו ווייניג, פערגעסט ניט בעקעריין אז מיר זענען דא לויטער הויזישע מענשען, פאר זיי איז דאס קיין סוד אז שפרה׳לע האט מיך ליעבער פון אייער זוהן אי וואס? למאי פעטרושקא!.. בעסער שווייגען!..

שפרה: שלמה׳לע! עפיס רעדט פון דיר איצט ניט דער גרויסער שלמה המלך, מען זעהט אז עס פערדריסט דיך, אדער איך זאג דיר אז דו זאגסט ליגען, ווייל איך האב קיינעם ניט ליעב, איך טהו נאר, וואס מיין מוהמע הייסט מיר! א סימן האסטו לאז זי מיר זאגען — שפרה האב חתונה מיט׳ן מלאך המות, חאפ איך דיך שוין ארום און געה מיט דיר אונטער דער חופה.
(אלע לאכען)

שלמה: נו פון מיינעט וועגען זיי דו היינט די חכמה, שלמה המלך האט שוין לאנג געזאגט: „אשת חיל מי ימצא" מאכט די עברי טייטש אז עס איז באשערט א צרה קומט זי אין שטוב אריין, איך טהו מיינס איך בין אנגעגרייט, וועט יענער חתן ניט קומען אזוי בין איך דא.

שפרה: און אז די מוהמע וועט ניט וועלען?

שלמה: עט! א חופה איז ווי א קבר, קוים האט מען אויסגעגראבען מוז מען אריינלעגען, האט מען א חופה געשטעלט מוז מען א פארעל ארונטער פיהרען און אז מען דארף דעם גנב, נעהמט מען איהם אראב פון דער תליה.

איינער: לאז זיין שטיל איך זעה די בטלנים קומען אן.

שלמה: עס מעגען קומען 100 בטלנים, אבי דער חתן זאל נישט קומען.

גיטעלע: דאס זאל דיר דאס לעצטע מאל זיין!.. דער חתן וועט שוין קומען. (אויפטריט 4 בטלנים זינגען)

מיר זענען די שנארערלעך פיער
וואס וויסען ניט פון קיין שעהמען
מיר געהען פון טיהר צו טיהר
און האלטען אין איין נעהמען
מיר נעהמען, מיר נעהמען אהן א סוף } ב׳ י׳ פ׳
ביז צו געבען הערט מען אויף
אוי נעהמען מיר!..

(אויפטריט משולם פערשאפעט).

גיטעלע: וואס איז מיט דיר מיין טהייערער זוהן,

משולם: וואו איז די כלה? וואו איז שפרה׳לע?!

גיטעלע: גאט איז מיט דיר! זעהסט איהר ניט? אט זיצט זי דאך.

משולם: (פאלט שפרה׳ן אויפ׳ן האלדז) מיין, מיין ביסטו אויף אייביג!, קיין קראפט אין דער וועלט קען דיך פון מיר אוועק רייסען!..

גיטעלע: מיין טהייערער זוהן! דערפאר וואס דו פאלגסט דיין מאמען זאל דיר גאט געבען ברכה און הצלחה וואו דו וועסט זיך קעהרען און ווענדען.

שלמה: איצט האבען מיינע חכמות אויפגעהערט, איך האב איצט א פנים ווי שלמה המלך ווען ער האט זיך בענארישט.

שפרה: מוהמע גיטעלע, איך שעהם מיך פאר די בעקעריונגען, קוקט אן וואס פאר א פנים מיט רויטע באקען משולם האט מיר געמאכט.

משולם: מיינע ליעבע געסט! אויך דו מיין ליעבע שפרה׳לע געהט אין אנדערען צימער אריין, איך האב מיט דער מאמען אליין עפים צו רעדען.

שלמה: נו אז מען הייסט געהען, קומט! — שפרה׳לע דו שטעהסט נאך אונטער מיין שוץ. איך גיעב דיך נאך ניט אויף. קום!..
(אלע אב, משולם וויינט).

גיטעלע: וואס איז דיר מיין זוהן, וואס בעדייטעט דאס געוויין?

משולם: מאמע! פאר דער חופה מוז מען וויסען דעם אמת׳ן נאמען פון דער כלה, ביזט דו זיכער אז איהר נאמען איז שפרה?

גיטעלע: ניין! איהר אמת׳ער נאמען איז מרים! נור ווען דער טאטע ז״ל האט איהר אונס צוגעשיקט, האט ער מיר געשריעבען אז דאס קינד הייסט מרים, אבער רופען זאל מען איהר שפרה׳לע,

פֿאַר וואָס, האָט ער מיר געשריבען וועט ער מיר זאָגען ווען ער וועט אַהיים קומען, נאָר גאָט האָט אַנדערש געוואָלט, ער איז ניט אַהיים, געקומען, און דער סוד בלייבט אַסוד אויף אײביג.

משולם: ניין, מאַמע!.. דער סוד איז ענטדעקט! גאָט זאָל עס איהם אויף יענער וועלט מוחל זיין! ניעשט די אָרעמע הדסה האָט פֿערדינט 17 יאָהר אין קרימענאַל צו זיצען, ניין איין אַנדערער האָט דאָס פֿערדינט. דער מערדער פֿון הדסה'ס גליק, דער צער־שטערער פֿון איהר לעבען, דער רויבער פֿון אונזער קינד איז קיין אַנדערער געוועזן ווי מיין אייגענער... טאַטע!.. גאָט! שטראָף מיך ניט פֿאַר די רייד!..

גיטעלע: משולם, דו ביזט אַפנים פֿון זינען אַראָב! עס רעדט פֿון דיר אַ רוח פֿון שיגעון?!

משולם: אַרוח פֿון שגעון האָט מיין טאַטען צו דער מערדעריי געפֿיהרט.

גיטעלע: שווייג אויסגעלאָזענער זוהן! מיט מיינע הענד וועל איך דיר דערווערגען! דו וואַגסט צו שענדען דיין טאַטען ז"ל?!..

משולם: זכרונו לברכה?! ניין! זיין אַנדענקען איז צו שאַנד און שפּאָט! זיין גרויסקייט האָט אידישע טאָכטער אין דער תּפיסה אַריין געבראַכט! מאַמע, ווייסטו ווער עס האָט געגנבהט דאָס קינד ביי הדסה'ן?.. מיין אייגענער טאַטע!.. און ווייסט דו ווער דאָס קינד איז?!.. שפּרה'לע!.. מיט וועלכער דו ווילסט מיך היינט חתונה מאַכען, מיין אייגען קינד, מיין בלוט און פֿלייש. דאָס קינד פֿון מיין אָרעמער געמאַטערטער הדסה!..

גיטעלע: מיט וואָס קענסטו עס מיר בעווייזען?

משולם: זי הייסט מרים!.. מרים האָט געהייסען אונזער קינד, איהר פֿעהלט דאָס לעפֿעל ביין רעכטען אויער, הדסה'ס קינד איז מיט דעם פֿעהלער געבאָרען געוואָרען. אַם ערשטען טאָג חוה"ם פּסח פֿאַר 17 יאָהר האָט דער טאַטע דאָס קינד אונז צוגעשיקט און אין דעם טאָג האָט עס עזריאל גנב ביי איהר אוועקגעגנבה'ט! נו? נאָך מעהר בעווייזע ווילסטו האָבען?

גיטעלע: אַך! איך האַלט די בושה ניעשט אויס! מיין מאַן איז טויט ער קען זיך ניעשט פֿערענטפֿערען!.. עס וועט מיר פֿינסטער און די אויגען!.. גאָט שיץ מיך פֿון שגעון!

משולם: מאַמע!.. מאַמעניו!.. דו ביזט ניעשט שולדיג דו ביזט ריין ווי אַמלאַך!.. מאַמע קום צו דיר!.. קום צו דער טיהר דאָרט איז פֿרייער די לופֿט!.. איך שווער דיר, הדסה וועט ניט ערפֿאַה־רען ווער דער רויבער פֿון איהר קינד איז געוועזן.

גיטעלע: שווייג! זי קומט אַהער, וויש אָב די טרעהרען פֿון דיינע אויגען, שווער מיר זי זאָל עס ניט דערוויסען.

משולם: איך שווער עס דיר ביי גאָט און ביי מיין ליעבע צו מיין הדסה

גיטעלע: אָבער דיין פּנים וועט עס איהר אויסזאָגען, דאָס פּנים איז אַ סָסור!

משולם: ניין, ניין!.. זעה מאַמוניו ווי איך לאַך (לאַכט) חאַ, חאַ, חאַ (אויפטריט הדסה).

הדסה: מזל טוב אייך גיטעלע! מזל טוב חתן! עס זאָל זיין אין אַ גוטער שעה!

גיטעלע: עס פֿרעהט מיך הדסה וואָס דו ביסט געקומען חאָטש אומ־געבעטען.

הדסה: איהר האָט מיר קיין שלעכטעס געטהון, און שפּרה'לען האָב איך ליעב ווי אַ אייגען קינד, צו איהר חתונה וואָלט איך געקומען ווען איך זאָל אַפּילו וויססען אַז מען וועט מיך אַרויס וואַרפֿען.

גיטעלע: איך וואַרף קיין מענשען ניט אַרויס.

גאַרגעל: (הינטער דער טיהר) אַריינקומען טאָר איך ניט, ווייל גיטעלע האָט געשוואָרען איך זאָל איהר שוועל ניט איבערטרעטען אָבער אין דרויסען מעג איך די כלה אָנשפּילען אַ שענעם דאָבראַניטש.

גיטעלע: איהר מעגט שוין אַריין קומען, ווייל דאָס הויז געהער שוין ניט מעהר צו מיר איך שענק עס אַוועק מיין זוהן דרשה־געשאַנק.

הדסה: אַז איהר האַלט שוין ביים דרשה־געשאַנק, אַזוי בעט איך אייך איהר זאָלט מיין דרשה־געשאַנק וואָס איך האָב דער כלה געבראַכט, אויך ניט צוריק ווייזען! גאָט זיי דאַנק, איך האָב פֿון מיין האַנדאַרבייט געקענט אָבשפּאָרען און איך האָב דער כלה געקויפֿט אַ פּאָר אויריננגלעך, אָט זענען זיי, זאָל זי עס טראָגען געזונדערהייט.

גאַרגעל: און איך האָב פֿערפֿאַסט אַ נייעם דאָבראַניטש מיט אַ מזל טוב פֿון איהרעט וועגען, די שטאָדט זאָל מיט איהם קלינגען.

הדסה: נו, איהר ווילט מיין מתּנה פֿערשעהמען?!..

משולם: ניין, הדסה! שפּרה'לע וועלכע דו ווילסט די מתנה געבען קען די אויריננגלעך ניעשט טראָגען, ווייל עס פֿעהלט איהר ביים רעכטען אויער דאָס לעפֿעלע, זי איז מיט דעם פֿעהלער געבוירען.

הדסה: (ערשראָקען) איז דאָס אמת וואָס מיינע אויערען הערען!

גיטעלע: יאָ, איהר נאָמען איז מרים, זי איז דיין קינד, דו זאָלסט איהר זעהען (אָב)

הדסה: מיין קינד?!.. מרים?!.. זי לעבט!..

משולם: אונזער קינד, וועלכע מען האָט ביי דיר אַוועקגעגנבה'ט לעבט פֿון מיין מאַמעס הענד זאָלסטו איהר צוריק בעקומען.

הדסה: און וועלכע האנד האט דאס געגנבה'ט?!!

נארגעל: ווען יעקב אבינו האט דערזעהן יוסף'ן אין מצרים האט ער נים געפרעגט וועלכע האנד עס האט זיין קינד ביי איהם אוועק-גערויבט, ער האט נאר אויסגערופען איצט מיין קינד אז איך זעה דיין לעבענדיג פנים, מעג איך שוין שטארבען.

משולם: ניין!.. ניין!.. לעבען! לעבען זאלען מיר אנהויבען. הדסה דו פערצייהעסט מיר און דעם וואס האט געגען דיר געזינדיגט?..

הדסה: צו ערשט וויל איך מיין קינד אומארמען, און דאן דיר מיין האנד געבען. (אויפטריט שלמה, כאר, שפרה לויפט אריין)

שפרה: וואו איז מיין מאמע? מיין טהייערע באמע!

ניטעלע: דא (ציינט אויף הדסה) אט שטעהט דיין מאמע. דיין טאטע (ציינט אויף משולם'ן) און איך, בעטען דיר דו זאלסט איהם בעטען זי זאל אונז אלע מוחל זיין.

שפרה: מאמעניו! מיינע טהייערע מאמעניו (צווישען זיך) זעה ווי דער טאטע שטעהט און וויינט, בעט דיך איבער מיט איהם!

הדסה: מיין קינד! מיין טהייער קינד אין דער מינוט וואס גאט האט דיך מיר צוריקגעגעבען בין איך מוחל די גאנצע וועלט. (גיט משולם'ן איהר האנד).

שלמה: נו אז ער איז דער טאטע, בין איך דאך דער חתן

נארגעל: א שאד וואס איך האב נים פערפאסט א דאפעלטען מזל טוב

שלמה: די חופה טאר אבער לעדיג נים שטעהן, שפרה'לע זאג פאר מיר א גוט ווארט.

שפרה: יא טאטע! יא מאמע! איך האב שלמה'לען שוין לאנג ליעב.

נארגעל: נו וועט מען שטעלען 2 חופות ביי איין מזל טוב. (מען פיהרט משולם'ן מיט הדסה'ן און שלמה'ן מיט שפרה'ן אונטער דער חופה, כאר זינגט).

A. 2.
10003